# פרשת בהר י"ד - כ' אייר תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **חיים יהודה** נ"ו בן הר"ר ***יעקב* פריעדמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. במסיבה נשמעו דברים מאת **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א** (סב של אחד מחתני המקרא), ומאת הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל התלמוד תורה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברות קודש:***
**קודם** וויל איך באגריסן די חשובע עלטערן, מיט די זיידעס, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די חומש סעודה פון די קינדער און די אייניקלעך. באמת איז דאס איינע פון די גרעסטע שמחות וואס דארף זיין ביי עלטערן. א טאג וואס מען הייבט אן צו זעהן נחת ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך, וואס הייבן אן צו שטייגן אין תורה. מען הייבט אן צו לערנען, עס איז די התחלה מען זאל קענען צוקומען שפעטער צו וואס מען דארף אויסוואקסען. עלטערן האבן נישט קיין גרעסערע נחת, און קיין גרעסערן תפקיד אויף די וועלט, ווי אויפצושטעלן קינדער תלמידי חכמים און יראי ה'. און ווען מען הייבט אן צו זעהן די פירות, איז עס א געוואלדיגע שמחה. בפרט ווי מען האט פריער געהערט פון בראשוב'ער רב זאל זיין געזונט, וואס ער האט ארויסגעברענגט דעם עתידה תורה שתשתכח מישראל (שבת קלט.), עס איז דאך די טעג, וואס מיט יארן צוריק האט מען אוועקגעשניטן א גרויסן חלק פון כלל ישראל. יעדער פון אונז דא, האט פארלוירן א טאטע, א מאמע, א זיידע, א באבע, ברודער, שוועסטער, פעטערס, מומעס, עס האט אויסגעקוקט ווי עתידה תורה שתשתכח מישראל. און דער אייבערשטער, דער מסבב כל הסיבות, האט אונז אהערגעברענגט אין דעם טריפה'נעם אמעריקא. ב"ה מען איז ווייטער מחנך קינדער ערליך, אין א היימישע תלמוד תורה. קינדער וואס וואקסן אויס תלמידי חכמים און יראי ה', עס איז א געוואלדיגע שמחה ביי יעדן איינעם, אז מען האט זוכה געווען דערצו.

**די** תלמוד תורה גיט זיך אפ מיט די קינדער, דאס מערסטע וואס מען קען, אריינצולייגן אין זיי תורה און יראת ה' ווי דער סדר איז. אבער אסאך מאל איז דא וואס מען פארלאזט זיך נאר אויף די תלמוד תורה. ער גיט אריין זיין קינד אין די תלמוד תורה, די תלמוד תורה זאל מאכן די ארבעט, און מען זאל אים צוריקגעבן שפעטער א אויסגעארבעט קינד, אויסגעוואקסן ערליך און וואויל און פיין. עס איז אבער נישט אזוי! די תלמוד תורה שטעלט נאר צו איין חלק פון וואס עס פעלט אויס, וויפיל זיי קענען געבן. די ווארימקייט אינעם שטוב, וואס מען גיט אריין אהבת תורה און יראת שמים אין די קינדער, דאס איז דער צווייטער חלק, וואס עלטערן טארן דאס נישט נאכלאזן. יעדע ווארט תורה וואס קינדער הערן, יעדע זאך וואס זיי זעהן אז מען טוט מחשיב זיין אהבת תורה. אז ווען דאס קינד קען, האט מען א געוואלדיגע שמחה דערפון, און דאס איז די גאנצע הנאה וואס מען האט אין שטוב, ווען מען זעהט אז דאס קינד לערנט, און ער קען, און ער פארשטייט. און מען זעהט ווי אזוי ער פירט זיך ערליך, דאס לאזט איבער א געוואלדיגען רושם אויף די קינדער.

**מיר** לערנען די וואך אין די פרשה, אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם (ויקרא כא-א), זאגט רש"י אמור ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים. אז ביי טומאת כהנים איז די הלכה, אז אפילו א קטן דארף מען אויך אכט געבן, ער זאל זיך נישט מטמא זיין. עס איז נישט דא נאך ערגעץ אנדערש כמעט אזא מצוה, וואס די תורה האט געגעבן פאר קטנים. און דאס איז אויך נישט די מצוה פארן קטן, ער איז דאך א קטן, אבער די תורה האט געגעבן א חיוב, אפילו דאס קינד איז נאך א קטן, אז מען דארף אים אכט געבן פון טומאה.

**די** תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז ווען עס קומט צו טומאה, דארף מען געוואוינען א קינד פון קליינערהייט אויך! ער איז טאקע נישט מחויב,

אבער עלטערן זענען מחויב אוועקצונעמען יעדע טומאה וואס א קינד קען צוקומען דערצו. להזהיר גדולים על הקטנים, די תורה האט געגעבן אן הזהרה, אז די גדולים דארפן אכט געבן אויף די וואס זענען נאך קליין.

**יעדע ווארט תורה וואס א קינד הערט, עס גייט אים אריין אין די אויערן, האט אן השפעה אויף דעם קינד. און פארקערט, יעדע זאך וואס ער וואלט נישט געדארפט הערן, און נישט געדארפט צו זעהן, דאס לאזט אויך איבער אן השפעה אויפן קינד, און שפעטער דערקענט זיך עס. מען זעהט קינדער וואס זענען אויסגעוואקסן, זיי האבן אלע געלערנט די זעלבע אין חדר, און אין ישיבה האבן זיי געלערנט די זעלבע, און איינער איז אויסגעוואקסן, און איינער איז נישט אויסגעוואקסן. עס האט אסאך צו טון מיט וויפיל ער האט זיך אנגעזאפט אין די יונגע יארן ווען ער איז געווען קליין. וויפיל תורה עס איז אריין אין זיינע אויערן, און וואס ער האט געזעהן מיט זיינע אויגן, און וואס ער האט נישט געזעהן, אין דעם איז תלוי שפעטער זיין עתיד.**

**עס** שטייט אין פרק (אבות ב-ט) אויף רבי יהושע בן חנניא, אז מען האט געזאגט אויף אים, אשרי יולדתו, וואיל איז פאר זיין מאמע וואס האט אים געבוירען. זאגט דער **ברטנורא** אויפן פלאץ, אז דער רבי יהושע בן חנניא'ס מאמע, פן ווען ער איז געווען א קליין קינד, האט זי גענומען זיין וויגעלע, און עס אריינגעלייגט אין בית המדרש, כדי אז זיינע אויערן זאלן הערן תורה! רבי יהושע בן חנניא האט ארויסגעשטארט אסאך מער פון אלע אנדערע תנאים. מען געפונט דאך אין די גמרא אזוי. און מען האט געזאגט אשרי יולדתו, נישט אז ער האט א גוטן קאפ, און נישט ווייל ער האט פלייסיג געלערנט, נישט וועגן דעם איז ער אויסגעוואקסן אזוי, ער איז אויסגעוואקסן ווייל פון די יונגע יארן אן, האט ער געהערט נאר תורה, אין זיינע אויערן איז נישט אריינגעגאנגען נאר קדושה. - און אזוי איז געווען אמאל. ווען מען האט איינגעשלעפט א קינד, האט מען געזינגען פאר דעם קינד לידעלעך פון אהבת תורה וכדומה, כאטש דאס קינד האט נישט פארשטאנען וואס ער הערט, פון דעסטוועגן דאך, יעדעס ווארט וואס א קינד הערט פון קדושה, מאכט א רושם אויף אים.

**עס** איז היינט געווארן א וועלט וואס איז ליידער מלא טומאה, און וואס מען הערט זיך צוזאם אין די שטובער וכדומה, איז זייער ווייט פון אהבת תורה אסאך מאל. און מען זעהט זאכן וואס מען האט נישט געדארפט צו זעהן. און מען זאגט, ער איז נאך א קליין קינד, ער ווייסט נישט וואס ער זעהט, ער ווייסט נישט וואס ער הערט. עס איז נישט אזוי! אשרי יולדתו, ווען א קינד'ס אויערן ווערן אנגעפולט מיט תורה, מאכט עס א רושם אויף דעם קינד שפעטער, אז ער זאל אויסוואקסן ערליך.

**די** גמרא (פסחים פז.) זאגט אויפן פסוק (שיר ח-ח) אחות לנו קטנה, ושדים אין לה, אז דאס גייט ארויף אויף די מדינה עילם, שזכתה ללמוד, זי האט זוכה געווען צו לערנען, אבער זי האט נישט זוכה געווען ללמד, איבערצוגעבן די תורה ווייטער. נאכדעם וואס א מענטש לערנט, און ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, ער זאל דאס קענען ווייטער געבן פאר א דור נאכדעם, האבן זיי נישט זוכה געווען. און אויף דעם זאגט דער פסוק, אחות לנו קטנה, ושדים אין לה, זי האט נישט קיין שדים. שדים איז דאך וואס טוט מניק זיין פאר אנדערע, מען גיט צו עסן פאר דאס קינד. דער חלק פון שדים האבן זיי נישט געהאט. זי האט נאר זוכה געווען ללמוד, נאר צו לערנען, אבער נישט ללמד. אבער בבל, זאגט די גמרא, האט זוכה געווען צוביידע, ללמוד וללמד. עילם האט זוכה געווען ללמוד, אבער זי האט נישט זוכה געווען ללמד.

**עס** קען זיין לענינינו א שטיקעלע געדאנק דערין, וואס עס איז זכתה ללמוד, און עס האט נישט זוכה געווען ללמד. די גמרא (ברכות י.) זאגט, אז דוד המלך האט געדאנקט פארן אייבערשטען אויף אלעם. דער גאנצער ספר תהלים איז דאך פיל מיט שירות ותשבחות. און ער האט געזאגט פינף ברכי נפשי'ס, אויף פינף זאכן האט ער ספעציעל געגעבן א דאנק פארן אייבערשטען. איינס פון די ברכי נפשי'ס האט ער געזאגט, ברכי נפשי את ה', ואל תשכחו כל גמוליו (תהלים קג-ב). גמול איז א לשון פון ויגמל (בראשית כא-ח), א קינד וואס מען גיט צו עסן, ווערט אנגערופן גמול, כגמול עלי אמו (תהלים קלא-ב). זאגט די גמרא, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען אויף די צייט וואס ער האט געזייגט מילך ביי די מאמע. וואס האט ער געדאנקט דעם אייבערשטען אויף די צייט וואס ער האט געזייגט מילך ביי די מאמען? אז דער

אייבערשטער האט באשאפן די שדים פון די מאמע קרוב ללב, ביים הארץ. אז ווען א קינד זייגט, נעמט ער פונעם הארץ פון די מאמען, און נישט אזוי ווי אנדערע בעלי חיים, וואס זיי געבן אויך צו זייגן פאר די קינדער, און זיי זייגן די קינדער פון מקום הטינופת, דארט איז די שדים פון א בהמה. א מענטש האט דער אייבערשטער געגעבן, אז די שדים איז נישט במקום טינופת, נאר במקום פונעם לב. און אויף דעם האט ער געדאנקט דעם אייבערשטען, ברכו נפשי את ה', ער גיט א ברכה פארן אייבערשטען, אויף דעם וואס ער האט געזייגט.

**פרעגט** די גמרא, וואס איז א נפקא מינה ווי די שדים זענען? זאגט די גמרא, כדי שלא יראה בערוה, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט געגעבן די שדים פאר די מאמע נישט במקום ערוה, כדי שלא תסתכל בערוה. מען רעדט פון א קינד וואס זייגט, ער ווייסט נישט וואס ער זעהט, און פון דעסטוועגן דאך זאגט די גמרא, האט ער געדאנקט דעם אייבערשטען, ברכו נפשי את ה', ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען אויף גמוליו, אויף דעם וואס דער באשעפער האט געגעבן, אז בשעת ער האט געזייגט די מאמען, איז ער נישט געווען ווי א אנדערע בעל חי, וואס זאל זעהן מקום ערוה, אויף דעם האט ער געגעבן א עקסטערע שבח והודאה. פארוואס? ווייל א קינד וואס זעהט זאכן וואס ער דארף נישט צו זעהן, לאזט עס א רושם אויף אים, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער זעהט. פונקט ווי ביי קדושה האבן מיר פריער געזאגט, אז ער הערט דברי תורה, די זעלבע איז יעדע ראיה.

**עס קומט א זומער, און מען גייט אויף פלעצער ווי מען זעהט זאכן וואס מען דארף נישט, און מען נעמט מיט קליינע קינדער, ער איז דאך א קליין קינד, ער ווייסט ממילא נישט וואס ער זעהט, מען מאכט נישט קיין עסק דערפון. עס איז נישט אזוי! יעדע דבר שבקדושה וואס א קינד זעהט, יעדע קדושה וואס א קינד הערט, לאזט איבער א רושם אויף אים. און פארקערט אויך, אז ער זעהט א זאך וואס מען דארף נישט, ער הערט א זאך וואס מען דארף נישט, עס איז נישט קיין תירוץ ער איז קליין, ער פארשטייט נישט, ער וועט עס אויסוואקסן, סוף כל סוף לאזט עס איבער א רושם אויפן קינד.**

**עילם** האט אויך געלערנט תורה, זכתה ללמוד, אבער זיי האבן נישט זוכה געווען צוצוקומען צו שלימות פון תורה, עס זאל זיין ללמד פאר אנדערע אויך. עס האט געפעלט א געוויסע קדושה אין דעם עילם, וואס זייער תורה האט נישט געהאט קיין נצחיות, עס זאל איבערגיין שפעטער. זאגט דער פסוק, פארוואס האט עס געפעלט פאר עילם, פארוואס איז עילם זכתה ללמוד, און עס האט נישט זוכה געווען ללמד? ווייל ושדים אין לה, עס האט זיך נישט אראפגעלערנט פון די שדים, מען האט זיך נישט אראפגעלערנט ווי אזוי מען דארף אכט געבן אויף א קליין קינד, ווילאנג ער איז נאך קליין! ווען מען וואלט זיך אראפגעלערנט פון די שדים, ווי דוד המלך האט געזאגט, ברכו נפשי את ה', דאנקן דעם אייבערשטען אז א קינד זעהט נישט א זאך וואס ער דארף נישט, א קינד זיצט אין בית המדרש און ער הערט נאר ווי מען לערנט, א קינד זיצט אינדערהיים און ער הערט ווי דער טאטע לערנט, ווי דער טאטע זינגט זמירות וכדומה, די אלע זאכן לאזן איבער א רושם אויפן קינד, ער האט געהערט נאך א ווארט קדושה. זכתה ללמוד, זי האט זוכה געווען צו לערנען, זי האט נישט זוכה געווען ללמד, ווייל ושדים אין לה, זי האט נישט אראפגעלערנט פון שדים, ווי וויט מען דארף אכט געבן קליינערהייט אויף די קינדער.

**דאס** איז דער להזהיר גדולים על הקטנים, מען וויל דאך ערציען ערליכע יודישע קינדער, עס איז קיינמאל נישט געווען אזוי שווער ווי היינט. די גאסן זענען אזוי אומריין, די שטובער דארפן האבן גרויס רחמים. מען הערט פון אלע זייטן וועגן די טעלעפאונ'ען וכדומה. און אמאל איז דא זאכן וואס מען וואלט נישט געדארפט הערן, הערן עס קינדער. קינדער זעהען היינט זאכן וואס מען האט אמאל נישט געזעהן אין הונדערט יאר, ווען מען דרייט זיך ארום אויף די גאסן. און דאס מאכט א רושם! נישט נאר ווען מען איז שוין ערוואקסן, דעמאלטס אוודאי, נאר אפילו ווען מען איז נאך קליין, ווען מען פארשטייט נאך נישט וואס מען זעהט, און וואס מען הערט, לאזט עס איבער א רושם.

**יעדער** וויל דאך מגדל זיין ערליכע יודישע דורות. זאל דער אייבערשטער געבן, אז אין אונזער שטוב זאלן מיר קענען אריינלייגן אהבת תורה ויראת שמים אין די קינדער. די תלמוד תורה לייגט אריין אין די

קינדער, וואס זיי קענען. אונז זאל מיר זוכה זיין צו זעהן ביי זיי אסאך שמחות ונחת. עס זאל זיין זכתה ללמוד וזכתה ללמד, אויסוואקסן תלמידי חכמים וואס זאלן קענען משפיע זיין אויף אנדערע. אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מנחה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ראזנער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **שלמה מיכל ראזנער** ע"ה).

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פריעדמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הרה"ח **יעקב צבי (הערשל) פריעדמאן** ע"ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ז סעיף י"א) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה זאגט די פאריגע וואך פאר די כהנים, קדושים יהיו לאלקיהם וגו', זיי זאלן זיין הייליג, כי את אשי ה', לחם אלקיהם, הם מקריבים. זיי זענען מקריב אשי ה', די קרבנות וואס קומען אויפן פייער, לחם אלקיהם, דאס איז די לחם פונעם אייבערשטען, את קרבני לחמי לאשי (במדבר כח-ב), די קרבנות זענען לחמי, און עס איז אשי. און זיי זענען די וואס זענען מקריב די קרבנות, דארפן זיי זיך האלטן בקדושה, והיו קודש (ויקרא כא-ו). פארוואס זאגט ער א דאפעלטן לשון, את אשי ה', לחם אלקיהם, הם מקריבים. אשי ה' איז קרבנות, און לחם אלקיהם איז קרבנות, איז דאך געווען גענוג ווען ער זאגט כי את אשי ה' הם מקריבים, צו לחם אלקיהם הם מקריבים. פארוואס האט ער צוזאמגעשטעלט אשי ה', לחם אלקיהם, הם מקריבים.

**עס** קען זיין א כוונה דעריך, עס שטייט אין די גמרא (יומא כא:), אז ביים משכן איז אראפגעקומען א פייער פונעם אייבערשטען אויפן מזבח, אזוי שטייט אין פסוק (ויקרא ט-כד) ותצא אש מלפני ה', ותאכל על המזבח את העולה וכו'. און דער פייער איז געלעגען אויפן מזבח, און עס האט פארברענט אלע קרבנות וואס מען האט געברענגט. די פייער וואס מען האט אראפגעלייגט אין משכן, איז געשטאנען די גאנצע צייט אויפן מזבח, ביז עס איז צונומען געווארן דער משכן. ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם בית ראשון, איז אראפגעקומען א גחלת פונעם אייבערשטען אויפן מזבח, און דער גחלת איז דארט געווען די גאנצע צייט פונעם בית ראשון. ביים חורבן פון בית ראשון איז דער גחלת צוגענומען געווארן, און ביים בית שני, וויל די גמרא קודם זאגן, אז עס איז אינגאנצען נישט געווען קיין אש. נאכדעם זאגט די גמרא, אז עס איז יא געווען אש, א פרישע גחלת איז אראפגעקומען אינעם בית שני, אבער עס האט נישט פארברענט די קרבנות. ביים משכן און ביים בית ראשון האט דער פייער פארברענט די אלע קרבנות, און מען האט נאר געדארפט צולייגן האלץ, ווייל אזוי איז די מצוה, וביער עליה הכהן עצים בבוקר בבוקר (ויקרא ו-ה), מצוה להביא מן ההדיוט (יומא כא:), אבער נישט ווייל עס האט אויסגעפעלט צום פייער צו פארברענען די קרבנות. ביים בית שני האט מען געדארפט האבן א ים מיט האלץ, ווייל דער אש ה' האט עס נישט פארלענדט. - די צווייטע חילוק וואס איז געווען צווישן בית ראשון און בית שני, אז אין בית ראשון איז געווען דער אש וואס איז געווען אויפן מזבח, רבוצה כארי, דער פארעם דערפון איז געווען אזוי ווי א לייב. און ביים בית שני זאגט די גמרא, אז רבי חנינא סגן הכהנים האט געזאגט, איך האב געזעהן אז עס איז געווען רבוצה ככלב, א צורה פון א כלב איז געווען אויף דעם אש. אין וואס האט זיך עס געוואנדן.

**דער** חילוק צווישן בית ראשון און בית שני איז געווען, אז ביים בית ראשון זענען די כהנים וואס האבן געטון די עבודה געווען חשובע כהנים, האט געהאט א חשיבות זייער עבודה, אז דער אש ה' האט עס מכלה געווען. ביים בית שני זענען די כהנים שוין נישט געווען אין די מדריגה וואס איז געווען אין בית ראשון. די גמרא (יומא ט.) זאגט, אז דער בית ראשון איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, און אכצן כהנים גדולים האבן משמש געווען פון אנהייב ביז צום סוף. זיי האבן געהאט אריכת ימים, און יארן לאנג האבן זיי משמש געווען. לויט איין דעה זאגט תוספות, אז עס איז נאר געווען אכט כהנים גדולים, די גאנצע

פיר הונדערט יאר! דער בית שני איז געשטאנען צען יאר לענגער, פיר הונדערט און צוואנציג יאר, און פון דעם איז געווען יוחנן כהן גדול אכציג יאר, און שמעון הצדיק פערציג יאר, גייט אראפ הונדערט און צוואנציג יאר, בלייבט איבער דריי הונדערט יאר אויסער די צוויי כהנים גדולים. און אין די דריי הונדערט יאר איז געווען איבער דריי הונדערט כהנים גדולים האבן זיך געטוישט, לשכת פלהדרין (עיין יומא ט.) זיי זענען נישט געווען אין די מדריגה ווי פריער, זיי זענען נישט געווען ערליך. די גמרא ברענגט אראפ דעם פסוק (משלי י-כז), יראת ה' תוסיף ימים, ושנות רשעים תקצרנה. קומט אויס, אז עס איז געווען א חילוק. ווי אזוי די כהנים האבן זיך אויפגעפירט, אזוי איז געווען דער אש ה' אויפן מזבח.

**איך** האב געזעהן שטיין, וואס איז דער חילוק, פארוואס אין בית ראשון איז עס געווען רבוצה כארי, און דא איז עס געווען רבוצה ככלב? ווייל דער ארי האט אייביג צו עסן. ער איז דאך א לייב. ווען ער האט נישט וואס צו עסן, גייט ער ארויס, און ער פארציקט. וואס ער וועט טרעפן, קען זיך קיינער נישט אקעגן שטעלן, אן ארי איז קיינמאל נישט הונגעריג. אז ער איז הונגעריג, גייט ער ארויס און ער פארשאפט זיך דעם עסן. א כלב, זאגט די גמרא (שבת קנה:) איז אייביג הונגעריג, מענטשן זענען אים מרחק, און מען וויל נישט געבן צו עסן פאר א כלב. זאגט די גמרא, אז דער אייבערשטער ווייסט דעם נאטור פונעם כלב, יודע צדיק דין דלים (משלי כט-ז), האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין נאטור פונעם כלב, אז וואס ער עסט, האלט זיך ביי אים. דריי טאג פארדייט זיך נישט די עסן, כדי ער זאל נישט זיין הונגעריג. — קומט דאך אויס, אז אן ארי האט אייביג צו עסן, און א כלב האט קיינמאל נישט.

**די** קרבנות וואס איז געווען ביים בית ראשון האט משפיע געווען אז יודען האבן געהאט פרנסה, א קרבן איז משפיע, עס איז אלץ געווען צו עסן, איז עס געווען רבוצה כארי. אבער די קרבנות וואס זענען געווען ביים בית שני, איז נאר געווען רבוצה ככלב, א כלב איז הונגעריג, עס האט נישט משפיע געווען וואס עס האט געדארפט.

**קומט** דאך אויס, זאגט די תורה יעצט, אז עס איז א נפקא מינה ווי אזוי די כהנים זענען. אויב די כהנים וועלן זיך פירן קדושים, זיי וועלן זיין הייליג, וועט עס זיין א נפקא מינה ביי אשי ה', ביי די פייער וואס קומט אראפ פונעם אייבערשטען אויפן מזבח צו פארלענדן די קרבנות. ביים בית ראשון האט דער אש ה' מכלה געווען, און ביים בית שני האט עס נישט מכלה געווען. ביים בית ראשון איז די אשי ה' געווען רבוצה כארי, עס האט משפיע געווען לחם אלקיהם, עס האט אראפגעברענגט דעם לחם פונעם אייבערשטען פאר יודען, און ביים בית שני וואס זיי זענען נישט געווען ערליך, איז עס נאר געווען רבוצה ככלב, דאס האט שוין נישט משפיע געווען.

**זאגט** די תורה, קדושים יהיו, די כהנים זאלן זיין הייליג, כי את אשי ה', ווי אזוי עס זאל אויסקוקן דער פייער פונעם אייבערשטען אויפן מזבח, לחם אלקיהם, אז דאס זאל נאנט ברענגען דעם לחם אלקיהם צו יודען, איז תלוי אין קדושים יהיו. איז וועגן דעם והיו קודש, זאלן זיי זיין הייליג.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת אברהם.

*

***יום שני פרשת בהר***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם מאיר רוב** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קראלי. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר ***משה כ"ץ*** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

לפנות ערב התקיימה אסיפת הרבנים בבית **רבינו שליט"א**. אצל האסיפה השתתפו גדולי ומנהיגי הקהילות בעיר, ביניהם: **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר**

**שליט"א, כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א, כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א, כ"ק האדמו"ר מצעהלים שליט"א, הגה"צ אב"ד סאטמאר ומסב"ג שליט"א.** – הרבנים דנו קרוב לשעה וחצי להרבות פעולות לחזק ולרומם חומת הקדושה והצניעות בעיר וויליאמסבורג יצ"ו.

אחר מעריב עלה **רבינו שליט"א** לבית הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו, שהשתתף בסכום עצום לבניית בנין הבית חינוך לבנות ההולך ונבנה לשם ולתפארת.

*

***יום שלישי פרשת בהר***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

לפנות ערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מקיוויאשד ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**א' הנוכחים:** איך וויל מברר זיין דאס וואס דער **סאטמאר'ער רב זי"ע** האט געזאגט פארן **סאמבאטהעלער רב**, אז ווען ער וואלט געשריבן זיינע חידושים, וואלט ער אנגעפילט א ספרים שאנק.

**רבינו:** דער סאטמאר'ער רב האט גערעדט דעמאלטס (בעת שביקור אצל **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** בשמחת הברית של א' מבניו של **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**), אז עס זענען געווען פארשידענע גדולי ישראל. אזעלכע וואס האבן געשריבן ספרים, און אזעלכע וואס האבן נישט געשריבן. אזעלכע וואס זענען געווען מפורסם, און אזעלכע וואס נישט. און עס האט נישט צוטון מיטן גדלות פונעם מענטש, נאר אלעס איז תלוי אין די שורש נשמה פונעם מענטש. און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען אויף זיך אליין, וואס ער האט אלץ פארגעלערנט, און די דרשות וואס ער האט געזאגט, און פרקי אבות וואס ער האט פארגעלערנט. האט ער געזאגט, ווען איך וואלט ווען אפגעשריבן אלעס וואס איך האב געזאגט, וואלט איך געקענט האבן, א גאנצע רייע. מיין טאטע האט געהאט א גרויסן ספרים שטוב, און ער האט געוויזן אויף די ספרים שאנק, א גאנצע רייע מיט ספרים, פון וואס ער האט מחדש געווען.

**אב"ד קיוויאשד:** בימים ההם איז געווען איינגעטיילט ביי די בחורים, אז יעדן טאג אין די וואך איז געווען א אנדערער בחור וואס האט באדינט. און מיין שווער, רבי בעריש לויפער, איז אויך געווען א געוויסע צייט. און איינמאל ראש השנה איז מיין שווער געווען אין שטוב, און עס איז געווען א הויפן ספרים אויפן טיש, און דער רבי איז ארויסגעגאנגען אויף הכנות, און ער האט פארשטאנען אז מען גייט שוין נאכדעם דאווענען, האט ער אוועקגעלייגט די ספרים. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער אים געפרעגט, פארוואס ער האט אוועקגעלייגט די ספרים. האט ער זיך דעמאלטס אויסגעדרוקט אויפן **דרשות חתם סופר**, א שאד אז איך האב נישט געשריבן, איך וואלט ווען געקענט האבן אזעלכע צוויי בענדער.

ער איז טאקע געווען אין דרוש פלאי פלאים. מיין ברודער האט מיר געזאגט, אז איינע פון די קינדער פון **רבי משה וואלפסון** האבן אים געזאגט מיט יארן צוריק, אז ער פלעגט זאגען, אז ווען ער וויל זיך צוגרייטן די שלש סעודות תורה, די ערשטע זאך נעמט ער ארויס א **דברי יואל**.

**רבינו:** און דער רבי האט געזאגט אויף זיך, אז מען דארף נעמען א **חתם סופר** ווען מען וויל זיך פארקוקען.

**אב"ד קיוויאשד:** דער חתם סופר איז אויך שלא כדרך הטבע. דער חתם סופר איז געווען א רב איז א גרויסע שטאט, און ער האט געשריבן תשובות אויף די גאנצע וועלט, און ער האט געפירט א ישיבה, און ער האט געשריבן אין אגדה, וואס עס איז נישט בדרך הטבע. ער שרייבט אליין, אז ער האט עס מחדש געווען בים מעביר סדרה זיין, און ביים עסן. און ער האט עס אליין געשריבן.

**רבינו:** ער האט עס געשריבן בקיצור. ווען מען זאל היינט וועלן זאגען אזא דרשה, דארף עס צו נעמען שעות, אז מען וויל עס מסביר זיין. עס איז שווער צו פארשטיין אפילו, אין פרעשבורג איז נישט געווען אזעלכע אויסהערער'ס.

אין די הקדמה פון **דרשות חתם סופר** שטייט, אז נאכן דאווענען, איז דער עולם אהיימגעגאנגען, און מען איז צוריקגעקומען צו די דרשה און פון נאכן דאווענען ביז דער עולם איז צוריק געקומען, פלעגט ער זיך פארצוקוקען. איינמאל האט זיך געמאכט, אז עס איז געווען א וויכטיגע אסיפה פון די ראשי הקהלה, און מען האט אים אוועקגענומען די גאנצע צייט וואס ער האט געדארפט זיך פארקוקען, אז ער איז געווען אין א פארלעגענהייט, ווי אזוי ער קען זאגען די דרשה. און ער איז געגאנגען צו די דרשה,

און ער האט געזאגט א לאנגע דרשה. האט דער חתם סופר געזאגט נאכדעם, ווען איך האב אנגעטון דעם טלית, איז מיר איינגעפאלען דער חידוש. ווען איך בין ארויפגעגאנגען די ערשטע טרעפ צו די ארון הקודש, איז מיר איינגעפאלען דער חידוש. ווען איך בין ארויף די צווייטע טרעפ, דער חידוש. ווען איך האב געקושט דעם פרוכת, איז מיר איינגעפאלען דער חידוש. מתוך שחסידים היו תורתן משתמרת (ברכות לב:). און שפעטער האט ער געזאגט, הלואי זאלן מיינע קינדער קענען זאגען אזא אומפארגעקוקטע דרשה.

**אב"ד קיוויאשד: רבי משה ארי' פריינד** פון ירושלים פלעגט פארציילען, אז דעם **נאסויד'ער רב'ס** שווער, איז געפארן צום **מיטעלן בעלזער רב**, און אויפן וועג האט אים **רבי הלל קאלאמייער** געבעטן אז ער זאל מיטנעמען דעם **עת לעשות** פארן בעלזער רב. עס איז געווען דעמאלטס ארויסגעגעבן אויף דויטש. ווען ער איז דארט געווען, האט ער געזעהן ווי דער בעלזער רב האט אריינגעקוקט אין דעם פארן דאווענען. עס איז אים געווען א גרויסע חידוש. דער בעלזער רב האט מרגיש געווען, האט ער אים געזאגט, אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן, איז ער געווען אין לעמבערג, און עס איז דעמאלטס ארויסגעקומען די **תשובות חתם סופר**, האט ער עס געקויפט, און אהיימגעברענגט פארן טאטען, דעם **ערשטען בעלזער רב**. ביים ערשטען בעלזער רב זענען די ספרים געלעגן מיט א סדר, די ראשונים עקסטער און די אחרונים. שפעטער האט ער געזעהן אז די תשובות חתם סופר ליגט נעבן די ראשונים. עס איז אים געווען א חידוש. האט ער געפרעגט דעם טאטען. האט ער אים געזאגט, ווען א יוד לערנט תורה לשמה, געהערט זיין ספר דא. האט דער בעלזער רב געזאגט פארן נאסוידער רב, ווען א יוד מיינט לשם שמים, קען מען קוקען אין זיין ספר פארן דאווענען אויך.

*

בשעות הערב נכנסו עסקני חברת טע"ג, לקבל ברכת הקודש לקראת הכינוס רבתי 'כינוס נשי כלל ישראל' שתתקיים בשבועות הקרובים, להתאחד ולהתחזק לעמוד בנסיון הדור בהשתמשות בכלי הטעכנאלאגיע. – אחר שיחה ממושכת בפרטי הדברים, האציל **רבינו שליט"א** מברכות קדשו להעסקנים הדגולים שיחי', שחפץ ה' בידם יצליח להרבות קדושה וטהרה בישראל.

### ***יום רביעי פרשת בהר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **חיים דוד** נ"ו בן הר"ר **יואל קאהאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם הערש אייגנער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **טובי' אברהם שאהנפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר מעריב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. אחר שזימרו זמירות וניגונים לכבוד היום, שר **רבינו שליט"א** הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום (נדפס בגליון 'דברי תורה'). אחר הדברות קודש עמד **רבינו שליט"א** בריקוד 'אמר רבי עקיבא' למשך זמן.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **פייוויל גאטטעהרער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה לייב מארקוס** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

*

### ***יום חמישי פרשת בהר***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה יעקב ווערצבערגער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר ביחד עם תלמידי הישיבות, בהיכל בית המדרש של הישיבה גדולה. אחר שזימרו זמירות וניגונים לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו. בברכת המזון נתכבד **הרב יצחק יעקב אלבוים שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'.

### ***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** זיצט ביי די סעודת הילולא פון התנא האלקי רבי שמעון, דער תכלית איז נישט אז מען זאל צוזאמקומען און עסן א בילקעלע, פלייש און קוגל, מאכן א פייער, אן הדלקה, און דאס איז אונזער קשר צו רבי שמעון. דער תכלית איז, זיך אראפצולערנען

פון די מעשים פון רבי שמעון, זיך מתבונן זיין צו וואס א בשר ודם קען צוקומען, צו אזא הויכע מדריגה, ווי א מלאך אלקים, וואס האט איבערגעשטיגן אלע תנאים בני דורו. אונז קען מיר זיי נישט מעסטן, אבער מען זעהט אז רבי שמעון איז געבליבן פארהייליגט אין כלל ישראל, מער ווי מען זעהט ביי אנדערע תנאים. זיך אראפלערנען די עמילות בתורה וואס איז געווען אין רבי שמעון, ווי אזוי ער האט זיך געפלאגט אין די מערה. נישט געגעסן, נישט געטרינקען, נישט געשלאפן, נישט געהאט קיין געהעריגע קליידונג, און עס האט אים נישט געשטערט פון וואקסן אין תורה. במערת צורים שעמדת, שם קנית הודך והדרך, דאס וואס ער האט זיך געפלאגט אויף תורה, דארט איז אויסגעשטיגן און אויסגעוואקסן א רבי שמעון. זיך אראפלערנען אז א מענטש דארף נישט האבן אלע באקוועמליכקייטן כדי ער זאל קענען רואיג לערנען, און אז עס פעלט אים עפעס א קלייניגקייט, איז ער שוין אויס מענטש, און ער קען זיך נישט צוזאמקלויבן. מען קען לערנען תורה מתוך הדחק, ווען עס קומט צו לערנען, דארף מען אלעס לייגן אין דער זייט, און זיך מעמיק זיין אין דברי תורה.

*

**איך** וויל אנהייבן מיט א ווארט וואס איז נוגע צום הייליגען תנא רבי שמעון, און דער חלק המוסר וועל איך צוקומען נאכדעם. עס שטייט אין **זוהר הק'** (פרשת האזינו רפז:), דארט איז דא אן אריכות ווי אזוי עס איז געווען די פטירה פונעם הייליגען תנא רבי שמעון. די תלמידים האבן אפגעשריבן ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען. דעם לעצטן טאג, ל"ג בעומר, ווען די הילולא איז, - די הילולא מיינט צו זאגן, אז דעמאלטס איז ער נסתלק געווארן, - האט ער צוזאמגערופן זיין חבריא און ער האט זיי געזאגט, אז מען האט מיר היינט געגעבן רשות מגלה צו זיין סודות התורה, וואס איך האב נישט געהאט קיין רעכט מגלה צו זיין פאר ענק ביז יעצט. און א חלק דערפון שטייט דארט אין זוהר הק'. און ער האט געזאגט פאר די חברייא, אז דער טאג איז מיין טאג, דעם טאג בין איך דער בעל הבית, די זון וועט נישט אונטערגיין היינט, ביז איך וועל נישט ענדיגן צו זאגן וואס איך וויל ענק מגלה זיין. און אזוי האט ער מגלה געווען סודות. ווען ער האט געענדיגט, איז ער צוגעקומען צו דעם פסוק (תהלים קלג-ג) כטל חרמון שיורד על הררי ציון, כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם, דאס איז געווען די לעצטע ווערטער וואס רבי שמעון האט געזאגט. און ווען ער האט געזאגט דאס ווארט 'חיים', בעפאר ער האט געענדיגט 'עד העולם', איז אשתככו מלוי, האט ער ווייטער נישט געקענט רעדן, און ער איז אויסגעגאנגען. ער האט נאר געזאגט כי שם צוה ה' את הברכה חיים, דעם 'עד העולם' האט ער נישט צוגעענדיגט.

**איך** האב געזעהן שטיין צוויי קשיות. [די וועלט זאגט, אויף א מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא. אבער עס איז דאך תורה, מוז עס דאך האבן א ביאור]. רבי שמעון האט געזאגט, אז דער טאג איז זיין טאג, און ער האט א כח אויף די זון, אז די זון וועט נישט אונטערגיין, ביז ער וועט ענדיגן זיינע ווערטער. עס איז דא א פסוק אין קהלת (ח-ח), כי אין שלטון ביום המות, אין דעם טאג וואס מען גייט אוועק פון די וועלט, האט מען שוין נישט קיין כח, מען האט נישט קיין שלטון. און דער מדרש זאגט דערויף, אז מען געפונט ביי דוד המלך, אז זיין נאמען איז דערמאנט אין כתובים צוויי און פופציג מאל, און אייביג שטייט 'המלך דוד', אייביג האט ער א טיטול 'המלך דוד'. ווען עס איז געקומען צו דעם לעצטן טאג, ויקרבו ימי דוד למות, שטייט נישט ויקרבו ימי 'המלך' דוד למות, אויס מלך, אין שלטון ביום המות. ווי אזוי קען זיין אז רבי שמעון האט געזאגט אין דעם לעצטן טאג, איך בין א בעל הבית אויף דעם טאג, אז די זון וועט נישט אונטערגיין, ביז איך וועל הייסן אז עס זאל ווערן נאכט.

**צווייטענ'ס**, עס איז דא א הלכה (מגילה כב.) כל פסוקא דלא פסקיה משה, אנן לא פסקינן ליה, מען איז נישט מפסיק אינמיטן פון א פסוק. ווען א מענטש גייט אוועק אינמיטן פון פסוק, האט ער דאך נישט קיין ברירה, אבער רגלי חסידיו ישמור (שמואל א ב-ט), דער אייבערשטער היט דאך אפ ערליכע יודען. אויב עס איז דא א ענין אז מען זאל נישט מפסיק זיין אינמיטן פסוק, פארוואס האט מען פון הימל נישט געלאזט ער זאל צוענדיגן חיים עד העולם, נאר ווען ער האט געזאגט דעם ווארט חיים, איז ער נסתלק געווארן. און פארוואס איז פונקט דער פסוק ווען ער איז נסתלק געווארן, כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם.

*

**מען** געפונט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן תכח) ווען מען רעכנט אויס דעם לוח פון די ימים טובים, איז דא סימנים, וועלכע טאג עס איז מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע. יעדעס יאר, אין דעם טאג וואס עס געפאלט פורים, געפאלט ל"ג בעומר. ל"ג בעומר איז יעצט דאנערשטאג, פורים איז אויך געווען דאנערשטאג. ווען עס איז פורים, איז נאכדעם ל"ג בעומר אין דעם זעלבן טאג. און דער סימן איז פל"ג, דער פ' איז פורים, דער ל"ג איז ל"ג בעומר. מה ענין שמיטה אצל הר סיני פרעגט דאך רש"י יעצט, וואס איז עפעס פורים מיט ל"ג בעומר, אוודאי לויטן לוח וועט אזוי אויסקומען, אבער אז מען מאכט עס פאר א סימן, מוז דאך זיין אז עס האט א קשר איינס מיטן אנדערע. וואס איז דער קשר פון פורים מיט ל"ג בעומר.

**אין** פשטות, ל"ג בעומר איז אין מירון א געוואלדיגע שמחה. עס שטייט אין **בני יששכר** (ל"ג בעומר אות ג') אז עס איז נתאמת געווארן פון אנשי אמת - וואס ער זאגט, האט ער געהאלטן אז עס איז ריכטיג - אז די שמחה וואס עס איז דא ל"ג בעומר אין מירון ביים ציון פון רבי שמעון, איז א שמחה וואס איז שלא כדרך הטבע, עס איז נישט קיין דרך הטבע אזא שמחה. קומט אויס אז עס איז א געוואלדיגער טאג פון שמחה. אלע מועדים וואס עס איז דא א חיוב פון שמחה, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון, איז נישט דא נאך א טאג פון שמחה ביי יודען, ווי דער טאג פון פורים. וואס דעמאלטס איז דאך די שמחה, אז חייב אדם לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי, וואס עס איז נישט דא אזא סארט שמחה אין קיין שום יום טוב, א גאנץ יאר. און פורים איז די גרעסטע מאס שמחה וואס איז שייך אז א מענטש זאל זיך קענען משמח זיין. ער קומט צו דערצו, אז ער ווייסט שוין נישט וואו ער איז אויף דעם עולם. קומט אויס אז פורים איז דער גרעסטער זמן שמחה וואס איז דא ביי יודען, און ל"ג בעומר איז אויך אזא טאג פון שמחה וואס איז חוץ לדרך הטבע. ווייל אזוי ווי פורים איז פארבינדן מיט ל"ג בעומר צוזאמען, ממילא אז פורים איז א טאג פון שמחה, איז ל"ג בעומר אויך א טאג פון א שמחה, וואס איז למעלה פון נארמאלע שמחות, עס איז שלא כדרך הטבע.

*

**נאך** איז דא א שייכות און א קשר פון פורים מיט ל"ג בעומר. עס שטייט אין **סידור הרב** פונעם **תניא** (שער ל"ג בעומר). משה רבינו האט מקבל געווען די תורה מסיני, און ער האט אונז איבערגעגעבן נגלות התורה. זאגט דער תניא, נסתר התורה האט אונז איבערגעגעבן רבי שמעון בן יוחאי. ביז רבי שמעון בן יוחאי איז נישט איבערגעגעבן געווארן נסתרות התורה. און רבי שמעון בן יוחאי אליין האט עס נאר מגלה געווען צוביסלעך, ביז צו דעם לעצטן טאג פון זיין הסתלקות, האט ער נאך געהאט זאכן וואס ער האט געדארפט מגלה זיין, אבער ער האט נישט געהאט קיין רשות. דעם לעצטן טאג האט ער עס געענדיגט. זאגט ער, רבי שמעון האט ל"ג בעומר געענדיגט איבערגעבן נסתר התורה, אזוי ווי משה רבינו האט געענדיגט אונז איבערצוגעבן נגלות התורה.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז משה רבינו מיט רבי שמעון בן יוחאי האבן געהאט א קשר איינס מיטן אנדערע. אז די נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי, איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו. משה רבינו האט געדארפט אנטלויפן פון חרב פרעה, און ער האט געדארפט גיין אין מדבר. די זעלבע האט רבי שמעון אויך געדארפט אנטלויפן פון חרב פונעם מלכות, און ער האט זיך געדארפט אויסבאהאלטן. און ער זאגט נאך ענינים וואס מען געפונט אז עס איז געווען אייניג ביי משה רבינו מיט רבי שמעון בן יוחאי, ווייל רבי שמעון איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו.

**דער סמיכת חכמים** (בהקדמה קמ.) שרייבט בשם המקובלים, אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, האט ער מיטגענומען מיט זיך די נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי אז ער זאל מיטגיין מיט אים צוזאמען. ווי מען האט פריער גערעדט, אז משה איז מקבל נגלות התורה, און רבי שמעון בן יוחאי דארף מקבל זיין נסתר התורה. משה רבינו האט מקבל געווען כל התורה כולה, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש האט משה רבינו געהאט, נאר אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי וועט דארפן זיין דער וואס וועט איבערגעבן די נסתר פון תורה, האט ער מיטגענומען מיט זיך רבי שמעון בן יוחאי. און ער זאגט, אז דאס איז דער רמז פונעם פסוק וואס שטייט ביי מתן תורה (תהלים סח-יט), עלית למרום שבית שבי, משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל,

און דעמאלטס האט ער געגומען די תורה. לקחת מתנות באדם, זאגט די גמרא (שבת פח:), ער האט דעמאלטס באקומען מתנות פון די מלאכים. שב"י איז די ראשי תיבות ש'מעון ב'ן י'וחאי. עלית למרום, בשעת ער איז ארויפגעגאנגען אין הימל, שבית שב"י, האט ער מיטגענומען מיט זיך רבי שמעון בן יוחאי, און אזוי איז ער ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה. - קומט דאך אויס, אז משה רבינו איז דער נותן התורה אין נגלות התורה, און רבי שמעון בן יוחאי האט אונז איבערגעגעבן די תורת הנסתר, און ער האט עס משלים געווען אין דעם טאג פון ל"ג בעומר.

**ווען** איז נשלם געווארן נגלות התורה וואס משה רבינו האט אונז געגעבן? זאגט דאך די גמרא (שבת פח.) אז בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, איז דאך כפה עליהם הר כגיגית, מען האט אונז געצווינגען מקבל צו זיין די תורה. מכאן מודעה רבה לאורייתא, מען קען האבן א מודעה אז מען איז נישט מחויב צו האלטן די תורה, מען האט עס אונז געגעבן באונס. אבער הדר קבלוהו בימי אחשורוש, פורים איז געווען דער שלימות פון קבלת התורה. קומט אויס, אז פורים מיט ל"ג בעומר זענען מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע. פורים איז געווען דער שלימות פון קבלת התורה, ווען מען האט מקבל געווען נגלות התורה. און ל"ג בעומר איז געווען דער שלימות, דער לעצטער טאג, וואס רבי שמעון האט איבערגעגעבן פאר אונז די נסתר פון תורה.

**מען** ברענגט צו פון זוהר הק', אז ער האט געהייסן דעמאלטס פאר זיין תלמיד רבי אבא, אז ער זאל אפשרייבן אלעס וואס ער האט געהערט פון אים אין נסתר התורה. אמאל האט מען געלערנט אלעס תורה שבעל פה, ער זאל איבערשרייבן אלעס, און אזוי איז געבליבן נסתר התורה פון רבי שמעון. - ממילא דאס איז דער רמז, וואס פורים איז מכוון אקעגן ל"ג בעומר.

*

**אז** רבי שמעון בן יוחאי איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו, די גמרא (סוטה יג:) ברענגט איין דיעה, אז משה לא מת, משה רבינו איז נישט געשטארבן, שנאמר (דברים לד-ה) וימת שם משה, דא שטייט שם, און ביי משה רבינו שטייט (שמות לד-כח) ויהי שם עם ה', ער איז געווען ביים אייבערשטען, מה התם עומד ומשמש, אף כאן עומד ומשמש, משה רבינו לא מת. אז רבי שמעון בר יוחאי איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו, איז אויך רבי שמעון בר יוחאי לא מת, ער איז אויך נישט געשטארבן, ער איז דאך געווען א ניצוץ פון משה רבינו. וועגן דעם ווען ער האט געענדיגט די לעצטע ווערטער האט ער געזאגט, כטל חרמון שיורד על הררי ציון, כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם, ווייל ער איז חיים עד העולם. אזוי ווי משה לא מת, אזוי האט רבי שמעון בר יוחאי אויך געהאט די נקודה, אז אפילו ער איז נישט דא, איז דא א נקודה פון לא מת. יעקב אבינו איז אויך נישט דא, און פון דעסטוועגן דאך זאגט די גמרא (תענית ה:) יעקב אבינו לא מת, וכי בכדי חנטו אותו. מען האט אים קובר געווען, און פון דעסטוועגן דאך מקרא אני דורש, אז עס איז לא מת. רבי שמעון איז אויך לא מת.

**אז** רבי שמעון לא מת, איז דאך שוין אוועקגעפאלן די קשיא, ווי אזוי האט ער געזאגט דעם לעצטן טאג, אז אין זיין האנט ליגט דער טאג, און עס וועט זיך נישט ענדיגן. עס איז דאך אין שלטון ביום המות? ביי רבי שמעון בר יוחאי וואס ער איז קיים עד עולם, איז נישט געווען יום המות. און דאס האט ער געוואלט ווייזן, אז כאטש היינט גיי איך אוועק פון די וועלט, פון דעסטוועגן דאך איז נאך אלץ געבליבן ביי מיר דער כח, איך קען מאכן טאג און נאכט, איז א סימן אז עס איז נישט קיין יום המות ביי אים, ביי איז חיים עד העולם.

**ממילא** איז דאך נישט שווער די קשיא פון כל פסוק דלא פסקיה משה, אנן לא פסקינן, ווי קען זיין אז עס איז אונטערגעקומען פאר אים אזא זאך, וואס ער זאל טון וואס איז נישט אויסגעהאלטן. ער האט ווייטער גערעדט, אבער נאר דאס האבן מיר געהערט אויף די וועלט. אז רבי שמעון איז לא מת, איז ער דאך ווייטער ממשיך צו זיין עומד ומשמש, האט ער דארט צוגעענדיגט דעם פסוק פון חיים עד העולם.

*

**מיר** זענען צוגעוואוינט, אז ל"ג בעומר איז פארבינדן מיט רבי שמעון בר יוחאי, עס איז די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. דאס איז געווארן א לעצטעריגע זאך, [איך מיין נישט לעצטנס, שוין א לענגערע צייט], וואס ל"ג בעומר איז רבי שמעון. דאס איז דער ענין פון ל"ג בעומר. עס איז מסתבר אז עס איז

געווארן זייט דעם **אר"י הק'** צייטן און נאך שפעטער, ווען א גרויס חלק יודען זענען ארויפגעגאנגען אויף ארץ ישראל, אין מירון איז א גאנצע ענין ל"ג בעומר, אזוי איז געווארן דער ל"ג בעומר צוגעטשעפעט געווארן צו רבי שמעון.

**אין** די ראשונים שטייט, אז מען זאגט נישט קיין תחנון ל"ג בעומר, און עס האט גארנישט צו טון מיט די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. עס איז גאר אן אנדערע מעשה. עס איז אפשר נישט בא'טעמ'ט צו רעדן פון די מעשה, ווייל עס איז צו שווערע מוסר צו הערן, אבער אזוי שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח קלא-ו). די גמרא (יבמות סב:) זאגט, אז רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, צוועלף טויזנט פאר תלמידים, פון גפת ביז אנטיפרוס. וכלם מתו, אלע זענען נסתלק געווארן צווישן פסח און שבועות. און די גמרא זאגט, אז זיי האבן געהאט די שווערסטע מיתה וואס איז שייך, מיתת אסכרא, מיט דעם זענען זיי אוועק פון די וועלט, מפני שלא נהגו כבוד זה לזה, זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטן. - ביי אונז אין די גמרא שטייט, אז עס איז געווען פון פסח ביז שבועות. אנדערע ראשונים לערנען אז עס איז נאר געווען פון פסח ביז ל"ג בעומר. און דאס איז דער ענין פון ל"ג בעומר, אז דעמאלטס איז פסקו למות, די תלמידים פון רבי עקיבא האבן אויפגעהערט צו שטארבן, דאס איז דער ענין פון ל"ג בעומר. דאס איז על פי שלחן ערוך.

**איך** וועל עס איבערגיין. דאס מיינט צו זאגען, מיר וועלן אנהייבן קודם מיט די ספירה, פון פסח ביז די טעג, האט מען נישט חתונה, עס איז נישט דא קיין מוזיק, מען שערט זיך נישט, מען טוט נישט אן קיין נייע בגד, ווייל מיר זענען מתאבל אויף די מיתה פון די כ"ד אלף תלמידים פון רבי עקיבא. וועגן דעם האט מען מבטל געווען פון אויפשטעלן יודישע שטובער, באלד צוויי חדשים וואס מען שטעלט נישט אויף קיין יודישע שטובער אין די טעג, ווייל מען דארף מתאבל זיין אויף די תלמידים פון רבי עקיבא. עס פאלט אסאך מאל נישט איין, א גאנץ ספירה קען אדורכגיין, און מען האט אינזין מתקן זיין די מדות, די מדה, יענע מדה. פארוואס האלטסטו די ספירה טעג? משום שלא נהגו כבוד זה לזה! מען דארף עס געדענקען, די חכמים האבן עס מתקן געווען, אונז זאל מיר געדענקען וואס עס איז געווען מיט די מיתת תלמידי רבי עקיבא, ווייל זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן אנדערן, האט עס צוגעברענגט דערצו אז אלע זענען געשטארבן. און כדי אז דאס זאל זיין אויף אונז א זכרון, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, האבן די חכמים ארויפגעלייגט אויף אונז אן אבילות, עטץ קענטס נישט טון די אלע זאכן אין ספירה. דו וועסט פרעגן פארוואס, זאלסטו וויסן ווייל מתו תלמידי רבי עקיבא, וועסטו געדענקען ווי אזוי איינער דארף נוהג כבוד זיין אין א צווייטן.

**עס** שטייט אין **בן יהוידע** (יבמות סב:), אז כבוד באטרעפט צוויי און דרייסיג. זיי זענען געשטארבן ביז ל"ג בעומר, צו ווייזן, אז דאס וואס זיי זענען געשטארבן אין די צוויי און דרייסיג טאג איז געווען, מפני שלא נהגו כבוד זה לזה. מען ברויך זיך אראפלערנען דערפון, אז מען דארף נוהג כבוד זיין איינער פארן צווייטן. מען רעדט נישט פון נוהג כבוד זיין פאר אן עלטערען מענטש, מען רעדט נישט פון נוהג כבוד זיין פאר א תלמיד חכם, צו פאר א מגיד שיעור, וכדומה. מען רעדט פון חברים, די חברים פון רבי עקיבא האבן נישט נוהג כבוד געווען זה לזה, מען האט נישט געערעדט שיין איינער צום אנדערן, מען האט זיך נישט אויפגעפירט מיט דרך ארץ איינער פארן אנדערן, מען האט געקענט רעדן איינער צום אנדערן זאכן וואס עס טוט יענעם וויי וכדומה, לא נהגו כבוד זה לזה. אונז וויס מיר נישט פונקטליך וואס דאס איז געווען דער לא נהגו כבוד זה לזה, מסתם זענען זיי געווען גרויסע לייט, אבער די נקודת הדברים איז אזוי געווען.

**אז** מען איז נישט נוהג כבוד זה לזה, קומט נאך נישט אז מען זאל שטארבן. עס איז נישט קיין מצוה אין די תורה וואס אויף דעם איז מען חייב מיתה, און עס זענען געשטארבן פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים. די מפרשים זאגן, אז עס איז געווען א געוואלדיגער חילול ה' ווי אזוי זיי האבן זיך אויפגעפירט. אמאל קען זיין, אז חברים צווישן זיך, אויב א פרעמדער קוקט עס צו, און ער זעהט ווי אזוי מען איז נישט נוהג כבוד איינער פארן אנדערן, זאגט ער: דאס זענען בני תורה? מען זיצט און מען לערנט, און אזוי פירט מען זיך אויף? און דאס איז א חילול ה'. אויף חילול ה' זאגט די גמרא (יומא פו.), אם יכופר לכם העון הזה עד תמותון (ישעיה כב-יד). דער חילול

ה' וואס איז געווען, אז תלמידים פון רבי עקיבא זאלן אזוי אויסקוקן, זיי זאלן נישט נוהג כבוד זיין איינער מיטן אנדערן, האט צוגעברענגט אז מתו תלמידיו פון רבי עקיבא, אלע זענען אוועק אין די צייט.

**עס** שטייט אין די גמרא (שם), וואס איז א חילול ה'. ווען איינער לערנט תורה, און ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, זיינע געשעפטן זענען נישט ערליך, ווען ער רעדט צו אנדערע, רעדט ער נישט בנחת, ער רעדט נישט רואיג, ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. זאגט מען, אוי לאביו שגדלו, או לרבו שלמדו תורה, קוקטס ווי אזוי עס קוקן אויס בני תורה, און עס איז א גרויסער חילול ה'. פארקערט, ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות. ווען א בחור פירט זיך אויף ארענטליך, טוט ער רומען דעם אייבערשטען'ס נאמען, ער גיט אריין אהבת ה', עס איז א קידוש ה'. ווען א מענטש גייט ארויס צווישן די חברים, צו אויף דער גאס, צו אין בית המדרש, צו ערגעץ אנדערש, און ער זעהט א בחור א בן תורה פירט זיך נישט אויף איידל, גייט עס אריין אין גדר פון חילול ה'. כדי אונז זאלן מיר עס געדענקן, וועגן דעם האלט מיר אונז די ימי הספירה, צו געדענקען אז מען דארף נוהג כבוד זיין איינער מיטן צווייטן.

**יעדער** ווייסט אז לעצטנס איז פארגעקומען אז א גרופע מענטשן זענען געפארן צו **רבי ישעי'לע קערעסטיר'ער**, און זיי זענען געווען אויפן עראפלאן, און מען האט אראפגעהאלטן הונדערט צו הונדערט פופציג מענטשן, און מען האט זיי נישט געלאזט ארויפגיין אויפן קומענדיגן עראפלאן. זיי זענען קוים אנגעקומען. פארוואס? ווייל עס איז געווען איינער צו צוויי, וואס האבן נישט געפאלגט וואס מען האט פארלאנגט אנצוטון א מאסק. און ביי יודען איז דאך איינער א קרבן ציבור פאר יעדן איינעם. מען זאגט נישט, ראובן האט עס געטון, נאר מען זאגט, 'יודען' האבן עס געטון. א גוי זאגט, י"ו פעלא"ס, י"ו גיי"ס, טוען אזוי. ווען א יוד טוט עפעס וואס עס דארף נישט צו זיין, באשולדיגט מען יעדן איינעם, יעדער איז אזוי. - אוודאי קומט זיך זיי פעטש, איך גיי נישט פארענטפערן דער עראפלאן לייטונג וואס האבן אזוי געטון. - אבער מען רעדט נאר אלץ די עוולה פון זיי. פארוואס זאל מען נישט רעדן פון די עוולה פון דעם איינעם מענטש וואס האט עס געטון. עס זאל כאטש קומען א דבר מוסר, **דו גייסט אויף אן עראפלאן, ווי עס זיצן דארטן הונדערטער גוים צוזאמען, דו דארפסט זיין דער וואס שטעלט זיך ארויס? יעדער קען זיך אנטון א מאסק, און דו קענסט נישט? דו דארפסט זיין דארטן, מען זאל קענען אנווייזן מיט די פינגער, אז א יוד טוט אנדערש? אין שטוב קענסטו טון וואס דו ווילסט, אין די גאס קענסטו טון וואס דו ווילסט, אבער ווען דו ביסט ביי יענעם, און יענער האט ראאל"ס און רעגולעשענ"ס. פארוואס ווען מען רעדט פון דעם, רעדט מען פון די עוולה פון זיי, מען דארף אויך ארויסברענגען די עוולה פון דעם וואס טוט עס. איך זאג עס נאר פאר א משל זיך אראפצולערנען, אמאל קען זיין איין מענטש וואס האט אויפגערודערט א האלבע וועלט, פון וואס ער האט געטון, אז יעדער זאל וויסן אז עס איז דא איין יוד דארט, וואס האט נישט געפאלגט, און ער האט נישט אזוי געטון.**

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות כח:), פאר רבי אליעזר איז נסתלק געווארן, איז ער קראנק געווען, און די תלמידים זענען געקומען צו אים פאר זיין הסתלקות, רבי לאז אונז איבער א צוואה. למדנו אורחות חיים, געב אונז די וועגן פון לעבן, וואס זאל מען טון, ונזכה בהן לחיי העולם הבא, אז אונז זאל מיר זוכה זיין צו חיי עולם הבא. נו וואס מיינט עטץ האט ער געענטפערט? ער האט נישט גערעדט מען זאל לערנען פלייסיג, ער האט נישט גערעדט מען זאל דאווענען, ער האט נישט גערעדט מען זאל פאסטן תעניתים, כדי מען זאל זוכה זיין לחיי העולם הבא. די ערשטע זאך האט ער געזאגט, הזהרו בכבוד חבריכם. דו ווילסט למדנו אורחות חיים, קודם דארפסטו זיין א מענטש, נזהר זיין בכבוד חבריכם, נזהר זיין ווי אזוי מען רעדט צו א צווייטן, ווי אזוי מען פירט זיך אויף צו אן אנדערן. און דאס איז די ימי ספירה, מען זאל זיך אראפלערנען דערפון ווי אזוי עס דארף צו זיין די הנהגה צווישן איינעם און צווייטן.

**דאס** איז ביז ל"ג בעומר. ל"ג בעומר האט זיך אויפגעהערט די מיתה פון די תלמידים פון רבי עקיבא, עס האט זיך געענדיגט די אבילות. וועגן דעם איז עס א יום שמחה. דאס איז דער טעם על פי שולחן ערוך. דאס הייסט אז עס איז נישט פארבינדן מיט רבי שמעון, עס איז פארבינדן מיט א מעשה פון

רבי עקיבא, די תלמידים זענען געשטארבן, און אין דעם טאג האבן זיי אויפגעהערט צו שטארבן.

*

**עס** שטייט אבער אין **פרי חדש** אויפן פלאץ, און ער זאגט, איך פארשטיי נאך אלץ נישט. איך פארשטיי אז די אבילות הערט זיך אויף, ווייל די תלמידים זענען געשטארבן. אבער לשמחה מה זו עושה, וואס איז די שמחה? בשלמא ווען א טייל תלמידים זענען געשטארבן, און א טייל האט אפגעשטעלט דעם גזר דין ל"ג בעומר, און זיי זענען געבליבן לעבן, נו איז א שמחה, אז עס איז נישט אויסגעפירט געווארן די גזר דין אויף יעדן איינעם. אבער עס זענען דאך געשטארבן אלע תלמידים פון רבי עקיבא, עס איז נישט געבליבן קיינער. וואס איז די שמחה? זיי זענען דאך אלע געשטארבן. אזוי ווי איינער וואס האט געהאט א הויז, און עס האט אנגעהויבן צו ברענען. מילא ווען עס האט נאר געברענט א האלבע הויז, האט ער א שמחה, כאטש די צווייטע העלפט איז מיר געבליבן. אבער אז עס האט אים אפגעברענט די גאנצע הויז, און דער פייער האט זיך אויסגעלאשן, איז ער פרייליך אז עס האט זיך אויסגעלאשן די פייער? וואס איז די שמחה.

**זאגט** דער פרי חדש, אז די שמחה איז טאקע נישט אויף דעם וואס זיי האבן אויפגעהערט צו שטארבן, די שמחה איז, אז די גמרא זאגט, אז נאכדעם איז געגאנגען רבי עקיבא, און ער האט נאכאמאל אנגעהויבן צו לערנען מיט תלמידים. ער האט גענומען פינף תלמידים, און די פינף זענען אויסגעוואקסן גרויסע לייט, ר' מאיר, ר' יהודה, רבי יוסי, רבי שמעון, ר' אלעזר, און מיט זיי איז צוריק נתחדש געווארן, זיי האבן אנגעפולט די וועלט מיט תורה. אויף דעם איז די שמחה. ל"ג בעומר פריידט מען זיך טאקע אז רבי עקיבא האט אנגעהויבן צו לערנען יעצט מיט פרישע תלמידים, נאכדעם וואס עס האט פאסירט אז עס זענען געשטארבן די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים. אנדערע ברענגען צו פון **משנת חסידים**, אז דעם טאג האט ער זיי אויך מסמיך געווען. אמאל האט מען דאך געגעבן סמיכה פאר די תלמידים, זיי זאלן קענען ווייטער מרביץ תורה זיין, אין דעם טאג האט ער מסמיך געווען די פינף תלמידים. און דאס איז די שמחה פון ל"ג בעומר.

**איך** וואלט אביסל מער מסביר געווען וואס עס איז די שמחה, אז ער האט אויפגעשטעלט די פרישע פינף תלמידים. עס ליגט דערין א טיפערע שמחה. איך וועל אנפאנגען קודם מיט וואס עס איז נוגע פאר בחורים. **בדרך כלל ווען א מענטש האט א ירידה, און יעדער מענטש האט ירידות, יעדער מענטש האט צייטן וואס ער איז נישט אזוי ווי ער איז געווען, ער האט ירידות מיט נפילות און אמאל שטארקע ירידות. בדרך כלל ווערט מען צובראכן נאך די ירידה וואס מען האט. איך האב שוין אזויפיל פראבירט אנצוהייבן, און עס איז מיר נישט געגאנגען, איך האב יעצט נאכאמאל פראבירט, און עס איז מיר ווייטער נישט געגאנגען. ער ווערט צובראכן און צוקלאפט, אז ער קען זיך נישט אויפהייבן, זיך צו נעמען ווייטער. אמת, איך בין געפאלן איין מאל, יעדער מענטש פאלט, גרויסע לייט פאלן אויך, און מען דארף אנהייבן אלץ פון פריש. נישט יעדער האט דעם כח אין זיך, אז מען זאל קענען האבן א פרישע מוהט אנצוהייבן פון ניי. ער ווערט צוקלאפט און צובראכן, און עס ברענגט מער ירידות פון וואס עס איז געווען פון פאר דעם. א ערליכער יוד, שבע יפול צדיק וקם, זאגט דער פסוק** (משלי כד-טז)**. א צדיק קען פאלן איין מאל צוויי מאל, דריי מאל, פינף מאל, זעקס מאל, זיבן מאל, און 'וקם', ער שטעלט זיך אויף נאכדעם. עס איז גארנישט געשעהן אז דו ביסט געפאלן, דו ביסט געפאלן, דו וועסט אויפשטיין נאכאמאל. איך וועל נאכאמאל פאלן, וועל איך זיך נאכאמאל נעמען אין די הענט.**

**מען** זעהט ביים בנין המשכן, וואס משה רבינו האט זיבן טעג אויפגעשטעלט די משכן, און יעדן טאג האט ער עס צונומען. דעם אכטן טאג, ויהי ביום השמיני (ויקרא ט-א), האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן. אין די מפרשים שטייט, אז עס איז דער זעלבער ענין. משה רבינו האט אונז געלערנט, מען וויל בויען א משכן פארן אייבערשטען, יא, עס איז דא ירידות, דו קענסט היינט בויען א משכן, און דו וועסט עס צונעמען. מארגן וועסטו אנהייבן נאכאמאל אויפצובויען א משכן, דו קענסט מארגן נאכאמאל פאלן. שבע יפול צדיק, אבער נאכדעם וקם, נאכדעם דארף מען שטיין! ווען א קליין קינד הייבט אן צו גיין, פאלט ער, און ער פראבירט נאכאמאל. די צווייטע מאל פאלט ער אויך, און די דריטע מאל פאלט ער אויך. ווען ער וואלט געווען

אזוי ווי אונז, וואלט ער געזאגט, איך הער אויף צו גיין, פארטיג. איך זעה אז עס גייט נישט, איך האב אנגעהויבן צו פראבירן, און עס גייט נישט! ניין, ער פראבירט נאכאמאל, און נאכאמאל, צוביסלעך קען ער שוין שטיין א פערטל מינוט, נאכדעם א האלבע מינוט, נאכדעם א גאנצע מינוט, ביז ער שטעלט זיך אויף די פיס. אזוי ווערט געבויט א מענטש, אז ער האט ירידות און ער האט נפילות, און ער דארף אכט געבן ער זאל נישט צובראכן ווערן פון זיין מצב וואס ער איז. שטענדיג אנהייבן כאילו איך בין א נייער מענטש, פארגעסן וואס איז געווען נעכטן, איך הייב אן נאכאמאל. און ער האט די כח דערצו, ער זאל קענען שטענדיג אנהייבן פון ניי.

**דער** הייליגער תנא רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים, און אלע זענען געשטארבן אין פינף וואכן! ער האט פארלוירן פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים. די חלישת הדעת וואס רבי עקיבא האט געהאט דעמאלטס, איז מן הסתם געווען אין לשער, מען קען זיך דאס נישט פארשטעלן. ער האט געהאט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, זיי זענען נישט געווען קיין קליינע קינדער. רבי עקיבא האט ארויסגעקוקט וואס עס וועט אויסוואקסן פון די פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, זיי וועלן דאך באשיינען די וועלט אין א קורצע צייט ארום. זיי אליין זענען תלמידי חכמים, און יעדער פון זיי וועט אויפשטעלן ווייטער תלמידים, ער האט געזעהן ווי אזוי די תורה הייבט יעצט אן צו בליען אן א שיעור. אזוי קען מען זיך פארשטעלן, איז געווען די בליק פון רבי עקיבא. אפילו יעדער פון די תלמידים וואלט נאר אויפגעשטעלט צען תלמידים שפעטער, וואלט ער געהאט א פערטל מיליאן תלמידים! א פערטל מיליאן יודען וואלטן געווען תלמידי חכמים. און אלעס איז אפגעווישט געווארן פון איין טאג אויפן אנדערן טאג. אין א פאר וואכן האט זיך געענדיגט, ער איז געבליבן אליינס, אן קיין איין תלמיד!

**אן** אנדערער מענטש וואלט צובראכן געווארן. איך האב געבויט אזויפיל יארן, איך האב געמיינט אז איך וועל ערגעץ אנקומען. וואס איז געשעהן, אלעס איז כאילו לא היה, מיין גאנצע פלאג איז געגאנגען לטמיון. ווען ער וואלט אזוי געטראכט, וואלט ער נישט אנגעהויבן נאכאמאל, ער וואלט נישט געהאט די מוט אנצוהייבן נאכאמאל. אבער רבי עקיבא איז דאך רבי עקיבא, שבע יפול צדיק וקם. דעם זעלבן ל"ג בעומר וואס די תלמידים האבן געענדיגט צו שטארבן, הייבט ער אן תיכף פון ניי, ער נעמט פרישע פינף תלמידים, און פון זיי איז אויפגעבויט געווארן עולם התורה! ר' מאיר, ר' יהודה, ר' יוסי, רבי שמעון, רבי אלעזר, צוריק אויפגעשטעלט. - דאס איז די שמחה פון ל"ג בעומר. די שמחה פון ל"ג בעומר איז, אז דעמאלטס ווען עס איז אים געשטארבן אלע זיינע תלמידים, האט ער פון דאסניי אנגעהויבן אויפצושטעלן פריש תורה, ער האט געהאט דעם כח און די מוט דערצו ער זאל עס טון, דאס איז דער לימוד פאר אונז, און דאס איז אונזער שמחה. ווען רבי עקיבא וואלט נישט געטון דעם שריט, האבן מיר נישט קיין רבי שמעון. רבי שמעון איז געווען איינער פון די פינף. עס וואלט פארלוירן געגאנגען גאנץ חלק התורה פונעם הייליגן תנא רבי שמעון, מיט אלע סודות התורה וואס איז פארבינדן געווען דערמיט.

**קומט** אויס אז די שמחה וואס אונז האב מיר ל"ג בעומר, איז פארבינדן איינס מיט דאס אנדערע. די נגלה'דיגער טעם, און דאס וואס מען פירט זיך אז מען האלט עס אלץ די הילולא פון רבי שמעון, איז פארבינדן איינס מיט דאס אנדערע. ארגינעל קומט ל"ג בעומר, אז רבי עקיבא'ס תלמידים זענען געשטארבן, און דעמאלטס האט מען אויפגעהערט צו שטארבן. אויף דעם איז נאך נישט דא קיין שמחה, אלע זענען געשטארבן. די שמחה איז, אז ער האט אנגעהויבן פון ניי. וואס איז די שמחה אז ער האט אנגעהויבן פון דאסניי? אז ער האט נישט נאכגעלאזט! ער איז אדורכגעפאלן, פון דעסטוועגן דאך הייב איך אן פון פריש, כאילו לא היה. היינט איז מיין ערשטער טאג אין לעבן, און מען הייבט אן אויפצושטעלן די פינף תלמידים. און ווען האט ער אויפגעשטעלט, דעם בעל הילולא, ער האט אויפגעשטעלט דעם רבי שמעון. ווען ער טוט נישט דעמאלטס ל"ג בעומר וואס ער האט געטון, איז נישט דא קיין הילולא פון רבי שמעון! קומט אויס אז די צוויי זאכן גייען צוזאמען. ווייל רבי עקיבא האט נאכאמאל אנגעהויבן, און ער האט צוריק אויפגעשטעלט תורה, פון דעם איז ארויסגעקומען דער רבי שמעון.

*

**היוצא** לנו מזה, דער מוסר השכל דערפון איז, אז דער טאג פון ל"ג בעומר דארף אונז לערנען דריי זאכן. איינס דארף עס לערנען, אז אין די ימי הספירה זענען געשטארבן די תלמידים ביז ל"ג בעומר, שלא נהגו כבוד זה לזה. מען מאכט א זכר פון דעם טאג, מען זאל געדענקען ביזן היינטיגן טאג, אז פון פסח אן, זענען געשטארבן אלע תלמידים פון רבי עקיבא, ווייל מען האט נישט נוהג כבוד געווען איינער פארן צווייטן. זיך אראפלערנען דערפון ווי אזוי עס דארף צו זיין דער הזהרו בכבוד חבריכם, נזהר זיין אין כבוד פון א צווייטן. **איזהו מכובד המכבד את הבריות, שטייט אין פרק** (אבות ד-א). **מכובד איז טייטש, דער ווער עס איז מכבד א צווייטן. ער מיינט אז ווען מען איז מכבד יענעם, האט מען עפעס אוועקגעגעבן פאר יענעם. ער איז קלענער געווארן, און יענער איז גרעסער געווארן, און מען האט מורא צו געבן אביסל כבוד פאר א צווייטן, ער וועט אים צו גרויס מאכן. ווען איך וועל אים אראפקלאפן, דעמאלטס וועל איך זיין דער גרעסערער, און ער וועט זיין דער נידריגער. עס איז נישט אזוי, אז מען איז מכבד יענעם, ווער איז דער מכובד, דער ווער עס איז מכבד א צווייטן.** זיך אראפצולערנען דעם הזהרו בכבוד חבריכם, דאס איז דער ענין פארוואס אונז האב מיר מתאבל געווען אין די טעג פון ספירה.

**צווייטענס**, עס איז א שמחה, אז עס האבן אויפגעהערט צו שטארבן די תלמידים פון רבי עקיבא, און רבי עקיבא האט אנגעהויבן פון ניי. ער האט אנגעהויבן אויפצושטעלן נייע פינף תלמידים, און די האבן צוריקגעברענגט תורה אויף די וועלט. דאס לערנט אונז, און וועגן דעם מאך מיר אונז א סעודה, זיך צו לערנען דערפון, אז **מען זאל נישט דערשראקן ווערן ווען מען פאלט. מען האט א נפילה, עס איז גארנישט, א מענטש קען פאלן, און וועט פאלן, און וויפיל ער וועט זיך אויפהייבן, וועט ער נאכאמאל פאלן, שבע יפול צדיק וקם. מיט אלעם וואס ער וועט האבן נפילות, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיך מחזק זיין. עס איז נישט קיין חילוק, איך האב שוין פאריאר פראבירט צו קענען די מסכתא, און עס איז מיר נישט געגאנגען. איך האב שוין פאר צוויי יאר צוריק אויך פראבירט, איך הייב שוין נישט אן צו פראבירן, איך קען נישט. עס איז נישט דא אזא זאך 'איך קען נישט'! דו קענסט יא! דו דארפסט נישט קוקן וואס עס איז געווען די פאריגע מאל, דו האסט די מעגליכקייט, הייב אן אנצוהייבן פון ניי. זאגן אז אזוי ווי איך האב נישט געקענט די פאריגע מאל, וועל איך היינט אויך נישט קענען. איך האב נישט געקענט וואס מען האט געלערנט ווינטער, וועל איך נישט קענען וואס מען האט געלערנט זומער. עס האט נישט צו טון איינס מיט דאס אנדערע. א מענטש דארף שטענדיג אנהייבן, נישט קוקן וואס זיין עבר איז געווען, אנהייבן פון ניי.** ווען רבי עקיבא וואלט נישט אזוי געקוקט, איז נישט דא קיין הילולא פון רבי שמעון. רבי עקיבא האט פארלוירן פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און ער האט אנגעהויבן אלעס נאכאמאל פון די א', און ער האט זיך נישט צובראכן פון דעם חלישת הדעת וואס ער האט געהאט, אז עס איז אים בטל געווארן זיין גאנצע הארעוואניע וואס ער האט געהאט ביז יעצט, אויפצושטעלן די פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים.

*

**דריטענ'ס**, די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, זיך אראפצולערנען פון רבי שמעון די מסירת נפש וואס ער האט געהאט פאר תורה, ווי אזוי א יוד דארף אוועקצוגעבן אלעס פאר לימוד התורה. **מען רעדט דאך צו בחורים וואס זענען אין ישיבה, מען איז דאך ממילא אין ישיבה, מען דרייט זיך דאך נישט אויף דער גאס, דו זיצט דאך ממילא דא פון צופרי ביז ביינאכט. דו האסט צוויי וועגן, דו קענסט עס אויסנוצען, אז סוף וואך האסטו עפעס אויפגעטון די וואך, און דו קענסט אדורכשטופן די וואך, און עס איז אדורכגעגאנגען. דו ביסט שוין ממילא דא, און דו ביסט שוין ממילא ביי די גמרא, פארוואס זאל זיך א מענטש נישט נעמען אין די הענט אריין, אויסצונוצן די טעג וואס איך האב, און עס אוועקגעבן פאר תורה. עס אינטערעסירט מיך גארנישט אויף די וועלט, איך בין נישט נייגעריג וואס עס טוט זיך אינדרויסן אויף די גאס. איך בין נישט נייגעריג אויף קול מבשר, איך בין נישט נייגעריג אויף קיין צייטונג, איך בין נישט נייגעריג אויף קיין שום זאך בעולם, איך געב אוועק מיינע יונגע יארן צו וואקסן אין תורה און צו שטייגן. עס איז טאקע שווער, אמאל איז דא דער והיה ראשיתך מצער, אנהייב איז שווער, אבער ואחריתך ישגה מאוד, דו קענסט זוכה זיין. מען האט דאך גוטע קעפ, און מען קען לערנען, און מען פארשטייט לערנען, זיך אוועקגעבן פאר תורה, אזוי ווי רבי**

**שמעון האט געטון.** ער איז געווען אין א מערה, ער האט נישט געהאט גארנישט אויף דער וועלט, נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך אינדרויסן, נאר געזעהן די זון מיט די לבנה, און וואסער און באקסער, דאס איז געווען אלעס וואס איז געווען פאר זיינע אויגן, אויסער דעם האט ער נישט געזעהן קיין שום זאך, און אזוי איז ער אויסגעוואקסן.

**מען** זאגט, בר יוחאי מושב טוב ישבת, דו ביסט געזעסן אויף א גוטן פלאץ, יום נסת, דעם טאג וואס דו ביסט אנטלאפן, יום אשר ברחת. אין זייער א מושב טוב איז ער געזעסן? יום נסת יום אשר ברחת, ער איז אריינגעלאפן אין די מערה, און געזעסן דארט אין זאמד ביז צום האלדז. יא, מען זאגט אויף רבי שמעון מושב טוב ישבת, עס איז געווען זייער גוט דעם פלאץ וואס דו ביסט געזעסן דארט, יום נסת יום אשר ברחת. דיין מושב איז געווען גוט, ווייל דו ביסט ארויסגעקומען אויסגעוואקסן אין תורה, דאס איז שוין געווען די תוצאה דערפון. נאר דעם טאג וואס דו ביסט אנטלאפן, אריינגעגאנגען אין די מערה, דאס איז מושב טוב, דאס איז געווען די בעסטע זאך וואס דו האסט געקענט טון אין דיין לעבן. ווייל במערת צורים שעמדת, דארט אין די מערה, שם קנית הודך והדרך, דארט האסטו אלעס קונה געווען.

**מען** האלט שוין כמעט ביים סיום פון דעם יאר, עס איז געווען א עיבור יאר. מען האט געלערנט, און מען האט זיך געפלאגט אויף די מסכתא וואס מען האט געלערנט, אויף די הלכה וואס מען האט געלערנט, יעדער איינער איז אנגעקומען וויפיל ער האט געקענט אנקומען דערפון. יעצט איז די צייט צוזאמצונעמען אלעס וואס מען האט געלערנט. קענען די מסכתא, קענען וואס מען האט געלערנט, ממשיך זיין בלימוד התורה, נישט קוקן פאריאר האב איך נישט געקענט, איך האב שוין פרובירט, און עס איז נישט געגאנגען. דאס איז אלעס תירוצים. א מענטש האט ירידות, יא, ער האט ירידות, דו קענסט אבער אנהייבן נאכאמאל. עס איז נישט דא קיין תירוץ אז א מענטש זאל נישט קענען אנהייבן פון ניי, נאכאמאל זיך אוועקצוגעבן פאר תורה. און דאס דארף זיין אונזער עבודה די קומענדיגע פאר חדשים, ביז דער סוף פונעם יאר. עס איז נאך דא א סיון, א תמוז, א אב, א אלול, א תשרי, פינף חדשים וואס מען קען נאך קונה זיין אלעס וואס מען האט געלערנט.

עס ווענדט זיך נאר אין די קבלה פונעם מענטש. אויב ער נעמט אויף זיך באמת עול תורה, עס אינטערעסירט מיך גארנישט, איך וויל אויסנוצן מיין צייט איך זאל לערנען. איך בין ממילא דא אין די ישיבה, און איך בין ממילא דא אין די ד' אמות ווי מען לערנט, איך גיי נישט זוכן אנצוברענגען די צייט, און איך גיי ארויסגיין פון דא אנגעפילט. במערת צורים שעמדת, שם קנית הודך והדרך, איך זאל ארויסגיין אנגעפילט מיט תורה.

**איך** בין זיכער אז יעדער איינער פון אונז, האט א אמת'דיגע רצון. נישט אייביג האט מען דעם כח אז מען זאל עס קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל. דער זכות פון רבי שמעון זאל מגין זיין אויף אונז, מען זאל קענען זיך אוועקגעבן פאר תורה. אונז גיי מיר נישט אויסוואקסן קיין רבי שמעון'ס, און מען בעט נישט פון אונז צו וואקסן קיין רבי שמעון'ס, אבער פשוטע ערליכע יודען, תלמידי חכמים, דאס בעט מען יא פון אונז. וואס דו קענסט זיין, זאלסטו אויסנוצן און אויסוואקסן.

**דער** אייבערשטער זאל אונז געבן די כוחות דערצו, זיך צו קענען אוועקגעבן פאר תורה. ווען איינער איז זיך מפקיר כמדבר, זאגט די גמרא (נדרים נה.), דארט איז ער קונה. וממדבר מתנה (במדבר כא-יח), ער באקומט די תורה א מתנה פונעם אייבערשטען. דער באשעפער זאל אונז געבן די מתנות. יודען האבן דאך אזויפיל מתפלל געווען אויפן ציון פונעם הייליגן תנא רבי שמעון, זאלן די אלע תפילות פון כלל ישראל ווערן אנגענומען. סיי די וואס האבן מתפלל געווען דארט, און סיי די וואס האבן מתפלל געווען דאהי, עס איז נישט קיין נפקא מינה, מען האט געדאווענט פארן זעלבן באשעפער די וואס זענען דארט, און די וואס זענען דא. דער אייבערשטער זאל געבן, עס זאל נתקבל ווערן די תפילות. רבי שמעון האט א געוואלדיגען זכות, אז עס איז דבריו עושים פירות, ביטל כמה גזירות, זאל מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **שמחה ראזענפעלד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב יוסף טאמבאר** הי"ו, שהתקיים באולם זמר.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמו"ר מבית חיים יהושע שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ אב"ד סארוואש זצ"ל.**

***__מתוך השיחה:__***

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** איך בין געווען כמה וכמה פעמים מיטן טאטען (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) צוזאמען. איך בין געווען אסאך יארן אין נייטרא, און דער טאטע איז געקומען קיין נייטרא, ער איז געווען מוהל ביי די קינדער פון **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל.** איך געדענק גוט, אז אמאל איז געווען א קינד וואס האט געהאט בלעטערלעך, און דער טאטע האט נישט געוואלט מל'ן. און רבי מיכאל בער האט דעמאלטס געזאגט, ווי אזוי קען מען זאגן אויף א בלעטער'ל אז מען קען נישט מל'ן, עס איז דאך דא א גאנצע סוגיא פון מילה בצרעת (שבת קלג.).

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ביי איינע פון די ברית'ן פון רבי מיכאל בער'ס קינדער, נאכן ברית האט רבי מיכאל בער אים געוואלט געבן געלט. און מיין טאטע האט נישט געוואלט נעמען. האט אים רבי מיכאל בער געזאגט, עס איז א מצוה, און איך וויל אז עס זאל מיך קאסטען געלט. איך קען אייך נישט צווינגען צו נעמען געלט, אבער טאמער איר נעמט נישט ביי מיר, מער בין איך אייך נישט מכבד צו זיין מוהל ביי מיינע קינדער.

**האדמו"ר מבית חיים יהושע:** א קבלה ביי א אדם חשוב, איז א נתינה (קידושין ז.).

*

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל בני **הגה"צ אב"ד סארוואש זצ"ל.**

*

***__שבת קודש פרשת בהר__***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יואל שטיינפעלד** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

# פרשת בחוקותי כ"א - כ"ז אייר תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת בחוקותי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והגיע לניחום אבלים אצל בני כ"ק **הגה"צ אב"ד כוונת הלב זצ"ל.**

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן רי"ז סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז דא א פסוק אין תהלים (סב-יב), אחת דבר אלקים, איינס האט דער אייבערשטער גערעדט, שתים זו שמעתי, צוויי האב איך געהערט, כי עוז לאלקים, ווייל עס איז דא א שטארקייט פארן אייבערשטען. עס איז א שווערע פסוק, וואס האט ער געמיינט ארויסצוברענגען מיט דעם פסוק.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. רש"י שטעלט זיך די פאריגע וואך אין די פרשה (ויקרא כה-א), פאר די פרשה פון שמיטה שטייט, וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמור, פרעגט רש"י, מה ענין שמיטה אצל הר סיני. זאגט רש"י, מה שמיטה איז אלעס געגעבן געווארן בהר סיני, כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה, אזוי איז די גאנצע תורה געגעבן געווארןביים בארג סיני. עס איז דא זייער א שיין ווארט פונעם הייליגען **חתם סופר** (בפרשתנו סח.), זאגט דער חתם סופר, אויף יעדע מצוה אין די תורה קען מען זיך דינגען צו דער אייבערשטער האט עס טאקע געזאגט. אפשר האט משה רבינו אויסגעטראפן די מצוה, און ער האט עס אריינגעשטופט אין די תרי"ג מצות התורה. אונז האב מיר דאך נישט געהערט פונעם אייבערשטען אליין, אונז האב מיר נאר געהערט פון משה רבינו, און ווער ווייסט וואס משה האט אונז איבערגעגעבן. מיר גלייבן אלע אז וואס אונז האב מיר מקבל געווען פון משה רבינו איז אלעס אמת, עס איז איינע פון די י"ג עקרים, דער באשעפער האט געזאגט בכל ביתי נאמן הוא (במדבר יב-ז), משה רבינו איז באגלייבט. און דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יט-ט) וגם בך יאמינו לעולם, יודען וועלן שטענדיג גלייבען אין משה רבינו, אונז האב מיר א הסכמה אז וואס משה רבינו האט געזאגט, איז ביי אונז הייליג. אבער אין עצם הדבר קען מען זיך אפשר דינגען, אז אפשר איז עס נישט תורה מן השמים.

**אבער** די מצוה פון שמיטה איז יעדער מודה אז דאס איז תורה מן השמים, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון שמיטה, ווייל עס איז נישט מעגליך אז משה רבינו זאל דאס געבן פון זיך אליין. פארוואס? ווייל די תורה זאגט (ויקרא כה-כ) וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית, הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו, זאגט דער אייבערשטער וצויתי את ברכתי לכם בשנה השישית, יעדע יאר פאר שמיטה איז געקומען א ברכה, אז די זעקסטע יאר איז געוואקסען לשלש השנים. דאס קען א בשר ודם נישט צוזאגען. זאגען האלט שמיטה, און אז דו וועסט האלטען שמיטה, וועסטו באקומען תבואה א יאר פאר דעם, לשלש השנים. נאר דער אייבערשטער קען אזא זאך צוזאגען. קומט אויס, אז עס איז נישט דא א מציאות פאר די מצוה, נאר אז מען האט עס מקבל געווען מן השמים.

**נאך** מער זאגט דער חתם סופר, נישט נאר אז די מצוה אליין איז מן השמים, ווען עס זאל קומען א נביא אויף א אנדערע מצוה, און ער זאל זאגען אז דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען זאל טוישן א חלק פון די מצוה, קען מען זיך דינגען צו ער זאגט אמת צו נישט. מען מעג אים גלייבען, צו מען טאר אים נישט גלייבען. אבער דא קען נישט קומען א נביא און משנה זיין אפילו א פרט אין די מצוה, ווייל טאמער ער וועט משנה זיין א פרט אין די מצוה, וועט דאך נישט זיין קיין וצויתי את ברכתי. דער באשעפער האט דאך נאר געגעבן די ברכה, ווען מען איז מקיים די מצוה אזוי ווי מען האט עס געגעבן. יעדע קלייניגקייט וואס מען גייט טוישן אין די מצוה, וועט זיין ניכר צו עס וועט קומען א ברכה דערויף, צו נישט, קען דאך עס א מענטש נישט משנה זיין, איז זיכער אז עס איז פונעם אייבערשטען. קומט אויס, אז די מצוה פון שמיטה איז זיכער פון בארג סיני. און נישט נאר די מצוה איז פון הר סיני, נאר כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה, אלע פינטלעך וואס איז דא אין די מצוה, מוז זיין אז מען האט עס באקומען פונעם אייבערשטען. האט די תורה געשריבן דא בהר סיני, פונקט ווי שמיטה איז זיכער אז עס איז מהר סיני, דאס זעלבע איז כל

התורה כולו וואס אונז האב מיר מקבל געווען פון משה רבינו, איז אלעס פון הר סיני.

**רש"י** זאגט, אז די קשיא פון מה נאכל בשנה השביעית, איז שווער יעדע שמיטה, יעדע שמיטה האט מען נישט געארבעט, און יובל איז די קשיא נאך שטערקער, ווייל די ניין און פערציגסטע יאר איז געווען שמיטה, און נאכדעם איז די פופציגסטע יאר יובל. צוויי יאר האט מען נישט געקענט איינזייען תבואה. און אז מען פרעגט אויף איין יאר מה נאכל בשנה השביעית, איז דאך א כל שכן אז מען וועט פרעגן ווען עס וועט זיין יובל, וואס עס איז דא צוויי יאר וואס מען האט נישט איינגעזייט. און עס מוז דאך האבן א תירוץ אויך, ווי וועט מען האבן צו עסן. מוז דאך זיין אז דער וצויתי את ברכתי בשנה השישית, ליגט דערין א ברכה, אז יעדע שמיטה וועט דער אייבערשטער צוגעבן פאר איין יאר, און יעדע יובל וועט דער אייבערשטער צוגעבן אז די ברכה וועט זיין נאך מער. אז א יאר פאר שמיטה וועט וואקסען אויף די יאר, און אויף שמיטה, און אויף יובל, ביז מען וועט קענען איינפלאנצן שפעטער נאכאמאל. - און א טייל לייגען עס אריין אינעם פסוק. ווייל דער פסוק זאגט, ועשת את התבואה לשלש השנים, פארוואס דארף מען תבואה אויף דריי יאר, עס איז דאך גענוג תבואה אויף צוויי יאר. איין יאר האט מען נישט איינגעפלאנצט, דארף מען האבן תבואה. רש"י טייטשט לשלש השנים, אביסל אויף די זעקסטע, און די גאנצע זיבעטע, און אביסל פון די אכטע. אמאל איז דא וואס מען דארף האבן לשלש השנים. ווען שמיטה מיט יובל קומען צוזאם, האט מען דאך צוויי יאר נישט איינגעזייט, מוז מען דאך האבן א ברכה אויף אלעם. - קומט אויס, אז פון די מצוה פון שמיטה, וואס עס ליגט אין דעם יובל אויך, האבן מיר א ראיה, אז מיר האבן מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטען. ווייל די מצוה פון שמיטה און יובל איז נישט שייך, נאר אז דער אייבערשטער האט עס געגעבן.

**די** תורה ווערט אנגערופן 'עוז'. ה עוז לעמו יתן, ה' יברך את עמו בשלום (תהלים כט-יא). זאגט די גמרא (זבחים קטז.) אז 'עוז' גייט ארויף, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען. מען האט געפרעגט פון בלעם וואס זענען די קולות, האט ער געזאגט, ה' עוז לעמו יתן, ה' יברך את עמו בשלום. 'אחת דבר אלקים', עס איז דא איין מצוה וואס דער אייבערשטער האט גערעדט, וואס דאס ווייזט אז די תורה האבן מיר מקבל געווען פונעם אייבערשטען. דאס איז די מצוה פון שמיטה. דאס ווייזט אז תורה איז מן השמים. און נישט נאר די מצוה פון שמיטה, נאר 'שתים זו שמעתי', אין די מצוה פון שמיטה ליגט דאך באהאלטן נאך א מצוה, עס ליגט אז ביי יובל וועט אויך זיין די זעלבע. פון דעם אחת דבר אלקים, פון די מצוה פון שמיטה, און פון דעם שתים זו שמעתי, וואס פון דעם ווייס איך אז ביי יובל איז אויך די זעלבע, דאס איז די עדות פאר אונז, כי עוז לאלקים, אז די תורה איז געגעבן געווארן דורכן אייבערשטען. - און אויף דעם קומט דער 'בהר סיני', שמיטה אצל הר סיני, אז אזוי ווי שמיטה איז געגעבן געווארן דורכן אייבערשטען, איז כל התורה כולה אויך פונעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בן **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי יוסף ארנסטער שליט"א** אב"ד אלכסנדר, שהתקיים באולם עדת טערעס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מאיר ברוך ראזענבוים** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס.

*

***יום שני פרשת בחוקותי***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישעי' יצחק ענדצוויג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אברהם יואל פראמאוויטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקולען.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום שלישי פרשת בחוקותי***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת רובין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר משה חיים רובין ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**א' האבלים:** אונז האב מיר געהאט א זיידע וואס איז געווען א רב אין מיהאליפאלוואו (הגה"צ רבי ישעי' רובין זצ"ל), ער איז אוועק תר"נ, עס איז דא א ספר פון אים **עטרת ישעי'**. און דער זון (הגה"צ רבי יהודא רובין זצ"ל) איז נישט געווארן רב דארט, נאר דיין. ווייל דער זון האט געלערנט אין פרעשבורג.

**רבינו:** דער **ערוגת הבשם** האט נישט געגעבן א כתב פאר א תלמיד ווען ער איז אוועקגעפארן לערנען פון די ישיבה, ווייל ער האט מורא געהאט אז ער וועט קומען אויף פרעשבורג, און דארט נעמט מען נישט אריין נאר מיט א כתב פון זיין פריערדיגן רבי. און ער האט נישט געוואלט אז מען זאל קענען אנקומען אויף פרעשבורג, האט ער נישט געגעבן א כתב. און ער אליין איז געווען א פרעשבורג'ער תלמיד.

**א' האבלים:** וואס איז דער פשט פון דעם?

**רבינו:** מיט די יארן איז עס געווארן אנדערש. ער איז נאך געווען ביים **כתב סופר**, און שפעטער ביים **שבט סופר** איז שוין אנדערש געווארן.

**א' האבלים:** איך האב אמאל געהערט פונעם **קאשוי'ער רב**, אז די גרעסטע תלמידי חכמים אין יענע צייטן, זענען געקומען פון פרעשבורג.

**רבינו:** עס איז געווען די איינציגסטע ישיבה וואס איז געווען אנערקענט פון די רעגירונג, אז מען דארף נישט גיין אין מיליטער. און דאס האט אסאך צוגעגעבן אז מען איז געגאנגען אהין. און זיי האבן טאקע אויסגעלערנט די בחורים צו רעדן, און האלטן דרשות, מען זאל זיך צוגרייטען צו ווערן א רב.

**רבינו שליט"א התעניין אם יכולים לשמוע התפלות והמעמדים בבית מדרשנו שנמצא סמוך לביתם**

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל בעפאר ער האט געמופ"ט אויף פענ"ן סט. האט ער געהאט די בית המדרש אויף בעדפארד, דארט ווי די פראדזשעקט"ס איז היינט. מען האט איינגעווארפען די הייזער. דער רבי (הרה"ק מסאטמאר זצ"ל) האט געוואוינט אויף קליימער. און דער בית המדרש איז געווען ביי ראס"ס, און אונז האב מיר געוואוינט אינדערמיט. און ער פלעגט אייביג צו שפאצירן דעם וועג, ער פלעגט אדורכגיין יעדן טאג, צוויי מאל א טאג. ער איז נישט געפארן מיט א קאר, ער איז געגאנגען צופיס. און ווען ער פלעגט אדורכצוגיין שבת, און מען האט געדאווענט ביי אונז אין בית המדרש, פלעגט ער זיך אסאך מאל אפשטעלן, און הערן ווי אזוי דער בעל תפלה דאווענט, און נאכדעם איז ער געגאנגען ווייטער.

איך האב געזעהן די וואך באשריבן פון **רבי שמואל וואזער זצ"ל**, אז ער האט געלערנט אין ישיבת חכמי לובלין, און ער האט געזאגט אויף זיך, אז די ערשטע אנדערטהאלבן יאר וואס ער איז געקומען אין די ישיבה, האט ער נישט געוואוסט ווי אזוי דער בנין זעהט אויס פון אינדרויסן. ער איז קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען פונעם בית המדרש, צו זעהן ווי אזוי דער בנין זעהט אויס פון אינדרויסן. זומער און ווינטער, ער האט נישט שפאצירט אינדרויסן, און נישט געגאנגען אין ערגעץ.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן **הרה"ג רבי יוסף מאיר שווארץ שליט"א** דומ"ץ מישקאלץ (בן הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א גאב"ד ווינא, עסטרייך), עב"ג בן **הרה"ג רבי משה שמואל ראטענבערג שליט"א**, שהתקיים באולם ריוור טערעס.

*

***יום רביעי פרשת בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לבקר אצל **הרה"ג רבי חיים דוב וייסבערג שליט"א**.

*

***יום חמישי פרשת בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור

החיים הק׳. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל הבר מצוה של בן הר״ר **יצחק** (בן הר״ר שלום) **וויס** הי״ו, שהתקיים באולם עטרת אסתר.

אחר כך נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק׳** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***קטע מתוך השיעור:***

**ואומרו ושכבתם ואין מחריד.** על דרך אומרו (ישעיה נז-ב) ינוחו על משכבותם, שלא תשלוט רימה בגופם, להחרידם בקבר. ותמצא, שהצדיקים אין רימה בגופם, וצא ולמד ממעשה רבי אלעזר בן רבי שמעון בן יוחאי (בבא מציעא פד:), וכאלה רבות. ודבר זה הוא יעוד גדול, שינוח הגוף בקבר, שאמרו ז״ל (שבת יג:) קשה רימה בבשר המת, כמחט בבשר החי.

**אין** די גמרא שטייט אויף רבי אלעזר בן רבי שמעון בן יוחאי צוויי זאכן. איינס, אז רבי אלעזר האט געוואלט וויסן זיין מדריגה, צו עס וועט שולט זיין אויף אים רימה ותולעה. האט ער זיך געלאזט אפערירן. מען האט שוין אמאל אויך געוואוסט פון די חכמה פון אפערירן, מען האט אים איינגעשלעפט, און מען האט אים אויפגעשניטן. ער איז געווען זייער א פעשער מענטש, און מען האט ארויסגענומען פון אים שטיקער פעטנס וואס ער האט געהאט אינעווייניג אין זיין גוף, און מען האט עס פארנייט נאכדעם, ער איז צוריק געזונט געווארן. און ער האט געגעבן די פעטנס, און ער האט עס געלייגט אויף די זון, אויף א פלאץ וואו עס איז דא היץ, זעהן צו דער חלב וועט פארדארבן ווערן. און עס איז געבליבן גאנץ, עס איז נישט פארדארבן געווארן. האט ער געזאגט, שישו בני מעי שישו, מיינע בני מעים קענען זיך פרייען, מובטח אני שאין רימה ותולעה שולט בהם, אז עס איז נישט שולט אין זיי קיין רימה ותולעה.

**נישט** נאר עס האט נישט שולט געווען קיין רימה ותולעה, די גמרא זאגט דארט, אז רבי אלעזר בן רבי שמעון איז געווען א שטרענגער. און וואו עס איז געווען מוחה צו זיין, האט ער מוחה געווען. און ער האט געזאגט, אז ווען איך וועל אוועקגיין פון די וועלט, וועלן זיך די רבנים נישט מתעסק זיין מיט מיר ווי עס קומט זיך מיר, ווייל זיי האבן מיט מיר חשבונות. האט ער געהייסן פארן ווייב, אז ווען ער שטארבט, זאל זי נישט פארציילן אז ער איז געשטארבן. נאר וואס דען, ווען איך וועל שטארבן זאלסטו מיך נעמען, און ארויפלייגן אויפן בוידעם, און דו זאלסט מיך לאזן ליגן דארט. זי האט אזוי געטון, און די גמרא זאגט, אז ער איז געלעגן דארטן צווישן אכצען און צוויי און צוואנציג יאר!! און מען האט נישט געוואוסט אז ער איז געשטארבן. ער איז נישט ארויסגעגאנגען פון שטוב, און ווען עס זענען געקומען צוויי בעלי דינים פרעגן א שאלה, האט ראובן געזאגט אזוי, און שמעון האט געזאגט זיין טענה, און ער האט געענטפערט, דו ביסט חייב און דו ביסט פטור. און ער איז געלעגן פריש די גאנצע צוויי און צוואנציג יאר וואס ער איז דארט געווען. ער איז געווען אזוי פריש, אז ווען מען האט ארויסגענומען א האר פונעם גוף, איז געקומען בלוט, אזוי ווי ביי א לעבעדיגער מענטש.

**פארציילט** די גמרא, אז איינמאל איז זי ארויפגעגאנגען, און זי האט געזעהן אז עס קומט ארויס א רימה פון זיין אויער. זי האט זיך דערשראקן, דאס איז טייטש אז ער הייבט נרקב צו ווערן. איז ער געקומען צו איר אין חלום שפעטער, און ער האט איר געזאגט, אז זי זאל זיך נישט דערשרעקן, עס איז גארנישט. נאר היות ער האט אמאל געהערט א זילותא דרבנן, ווי מען האט מבזה געווען א תלמיד חכם, און ער האט נישט מוחה געווען, האט דער הייליגער רבי אלעזר בן רבי שמעון באקומען א עונש פאר די אויער, אז זי זאל האבן א רימה וואס זאל אים שטערן. - ביז אמאל איז מען געוואויר געווארן אויף די גאס אז ער לעבט נישט, האבן די חכמים שוין נישט געלאזט אז מען זאל אים לאזן דארט, עס איז שוין נישט קיין כבוד אז מען האט אים נישט קובר געווען, דעמאלטס האט מען אים אריבערגעטראגן צו די מערה פון רבי שמעון, און מען האט אים דארט קובר געווען.

**זעהט** מען דאך, אז ער האט געזאגט שישו בני מעי, אז עס האט נישט שולט געווען א רימה ותולעה. דער **מהרש״א** שטעלט זיך, אז עס איז דאך יא געווען א רימה דעמאלטס אין די אויער. זאגט דער מהרש״א, אז עס איז דא א רימה וואס קומט פון

רקבון, ווען דער פלייש ווערט פארדארבן מאכן זיך ווערים, דער רימה ותולעה איז נישט געווען. אבער עס זאל קומען א פרעמדע רימה, פאר א עונש אויף דעם וואס מען האט געהערט א זילותא דרבנן, דאס האט יא פאסירט ביי אים.

**און** עס איז מעניני דיומא. פונעם הייליגען **אור החיים הק'** איז דא צוויי און פערציג פשטים אויף אם בחוקתי תלכו. וואו האט דער אור החיים הק' מחדש געווען די צוויי און פערציג פירושים? ברענגט מען צו פון **רבי חיים שאול דוויק זצ"ל**, אז ער האט פארציילט, אזוי האט ער מקובל פון די פריערדיגע, אז דער אור החיים הק' איז געווען אן עושר אין די יונגע יארן, ער האט געקענט זייער שיין אויסארבעטן גאלד מיט די הענט, און ער פלעגט שיין פארדינען. ער האט פארדינט וויפיל ער האט געדארפט האבן פאר די וואך, און אזוי איז ער געזעסן און געלערנט. יעדן ערב שבת האט ער געלאזט שחט'ן א בהמה, עס איז געווען אסאך געלט אמאל, און ער האט צוטיילט די פלייש פאר די תלמידי חכמים וואס זענען געווען אין שטאט, וואס זענען געווען ארימעלייט, פאר זיי האט ער געגעבן פלייש אויף שבת.

**איינמאל** האט זיך געמאכט אז עס איז טריפה געווארן אלע בהמות פון די שטאט, אויסער די איינע בהמה וואס מען האט גע'שחט'ן פארן אור החיים הק', דאס איז געבליבן כשר. און די גאנצע שטאט האט נישט געהאט קיין פלייש, עס זענען געווען נגידים אין די שטאט וואס זענען געווען צוגעוואוינט צו עסן פלייש, און מען האט נישט געהאט. מען האט געוואוסט אז די בהמה פונעם אור החיים הק' איז גוט, איז געקומען א נגיד, און געבעטן אז מען זאל אים געבן פון די פלייש. האט דער אור החיים הק' געזאגט, איך קען נישט געבן, דאס האב איך מקדיש געווען פאר תלמידי חכמים, און איך קען נישט דערפון געבן. בתוך כך איז אריינגעקומען א תלמיד חכם צום אור החיים הק', און דער אור החיים הק' האט אים געגעבן פון די פלייש וואס מען האט גע'שחט'ן, און פאר דעם עושר האט עס פארדראסן, און ער רופט זיך אן אויף דעם יונגערמאן וואס איז געווען דארטן: אויך מיר א תלמיד חכם... דער אור החיים הק' האט גארנישט געענטפערט, אבער ער האט אים נישט געגעבן פון די פלייש.

**ביינאכט** האט דער אור החיים הק' זיך גע'חלומ'ט, אז ער האט היינט געהערט א זילותא דרבנן, מען האט מבזה געווען א תלמיד חכם, און ער האט זיך נישט אנגענומען דערפאר. און אז ער האט זיך נישט אנגענומען דערפאר, דארף ער נעמען אויף זיך א יאר גלות, כדי מכפר צו זיין. - **דאס איז פאר איין זילותא דרבנן, וויפיל אונז הער מיר צוזאם זילותא דרבנן'ס מיט אונזערע אויערן. און וואס עס האט זיך אפגעטון אין ארץ ישראל לעצטענס וכדומה, וואס עס איז א חרפה און א בושה, אז ביי יודען זאל אזאנס פאסירן** – על כל פנים אויף זילותא דרבנן וואס ער האט געהאט, האט ער געדארפט האבן א יאר גלות. און אונטערוועגנס איז ער געווען שבת פרשת בחוקותי זיך אפרוען אין א פעלד, און ווען ער איז געלעגן אין פעלד, איז אים נתחדש געווארן צוויי און פערציג מהלכים.

**על** כל פנים, מען זעהט ביים אור החיים הק', אזוי ווי ביי רבי אלעזר בן רבי שמעון זאגט די גמרא, ווייל ער האט געהערט א זילותא דרבנן, איז געווען א רימה. דער אור החיים הק' האט אויך מחדש געווען פרשת בחקותי די צוויי און פערציג פשטים, ווייל ער האט געהערט א זילותא דרבנן. און אויפן וועג וואס ער האט מקבל געווען אויף זיך גלות, האט ער מחדש געווען די חידושים.

*

**ואומרו והשבתי חיה רעה מן הארץ.** היא רוח הטומאה, הנקראת חיה רעה, שהיא חיוניות רע, בחינת הטומאה השורה על הגוף אחר מיתה, שלזה ציוה ה', שהנוגע במת או הנכנס לאוהל יטמא שבעה ימים. הבטיח ה', כי תסגיל התורה והמצוה, להשבית רוח הטומאה מן הגוף. ותמצא שאמרו ז"ל (כתובות קג:) יום שמת רבי, בטלה טומאה.

**ער** ברענגט א ראיה פון די גמרא אין כתובות, אז יום שמת רבי, בטלה טומאה. די גמרא זאגט דארט, אז ווען רבינו הק' איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט, נר יהא דלוק במקומו, און אזוי ווייטער זאכן וואס ער האט געבעטן. ער האט איינגעטיילט די פאסטענ'ס פון די קינדער. פאר זיין הסתלקות, האט רבינו הק' אויפגעהויבן די צוויי הענט, און ער האט געזאגט, כל ימי האב איך זיך מייגע געווען מיט מיינע צוויי הענט אויף תורה, ולא נהניתי אפילו באצבע קטנה, איך

האב נישט געהאט קיין הנאה פון די וועלט אפילו באצבע קטנה. די לעצטע ווערטער איז געווען, יהי רצון מלפניך, ער בעהט פונעם אייבערשטען, שיהא שלום במנוחתי, עס זאל זיין שלום במנוחתי. ווען איך גיי אוועק פון די וועלט, זאל זיין רוהיגקייט. און ער ברענגט צו דעם פסוק (ישעיה נז-ב) יבא שלום יניחו על משכבותם, מען זאל קענען ליגן רואיג. וואס איז דער שלום במנוחתי? רש"י זאגט, עס זאל זיין שלום, מען זאל האבן רואיגקייט.

**היינט** וואלט מען געקענט זאגען, די גמרא זאגט, אז ער האט געהאט צוויי קינדער, רבי גמליאל מיט רבי שמעון. רבי גמליאל איז געווען דער עלטסטער, האט ער איבערגעלאזט אז רבי גמליאל זאל איבערנעמען די נשיאות. און ער האט צוגעגעבן, כאטש מיין צווייטער זון רבי שמעון איז חכם, ער איז גרעסער אין תורה ווי רבי גמליאל, פון דעסטוועגן דאך זאל מען שטעלן רבי גמליאל פאר נשיא. פרעגט די גמרא, וואס האט ער מיך געלאזט הערן, אוודאי קומט זיך פארן בכור. די גמרא ברענגט א פסוק דערויף (דברי הימים ב כא-ג), אז דער בכור קומט זיך ער זאל זיין נשיא. זאגט די גמרא, ווייל ער האט נישט ממלא געווען מקום אבותיו. רבי גמליאל איז נישט געווען אזוי גרויס ווי זיין טאטע, וואלט אים נישט געקומען ער זאל איבערנעמען דער פלאץ פונעם פאטער, פון דעסטוועגן דאך האט ער געזאגט, אז רבי גמליאל זאל זיין נשיא. פרעגט די גמרא, פארוואס האט ער עס אים טאקע געגעבן, אויב ער האט נישט ממלא געווען מקום אבותיו. זאגט די גמרא, ער האט ממלא געווען מקום אבותיו ביראה. אפילו אין תורה איז ער נישט געווען אזוי גרויס, רבי שמעון איז געווען גרויס אין תורה אזוי ווי רבינו הק', אבער אין יראה, איז רבי גמליאל געווען די זעלבע, האט ער ממלא געווען מקום אבותיו.

**קומט** דאך אויס, אז ווען רבינו הק' איז נסתלק געווארן, וואלט דאך געקענט ווערן צוויי פארטייען, איינער זאל זאגן אז מען זאל נעמען רבי גמליאל, און איינער זאל זאגן מען זאל נעמען רבי שמעון. ער האט דאך אליין געזאגט, אז רבי שמעון איז מער חכם, און ער איז ממלא מקום באבותיו, ער האט מער תורה. עס איז נישט איינגעפאלן אז עס זאל ווערן צוויי רביסטעוועס? עס איז נישט איינגעפאלן דעמאלטס די היינטיגע חכמה וואס מען קען טון. האט ער מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין שלום במנוחתי, עס זאל זיך נישט אנהייבן די מחלוקה נאכדעם ווען איך גיי אוועק פון די וועלט, נאר עס זאל זיין שלום במנוחתי.

**און יעדער יוד דארף דאס מתפלל זיין. וויפיל מחלוקות הייבט זיך אן נאכדעם וואס עלטערן גייען אוועק, מען קריגט זיך אויף ירושה, מען קריגט זיך אויף געלט, גאנצע משפחות ווערן צוריסן און צובראכן, מען גייט נישט אויף קיין שמחות וכדומה, איינער ביים אנדערן, פאר א פאר דאלער!! מען דארף מתפלל זיין, יהא שלום במנוחתי, ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, זאל זיין שלום ושלוה איינער צווישן צווייטן. מילא אמאל שלאגט מען זיך אויף געלט, ווייל מען האט טאקע נישט. ראובן האט נישט, שמעון האט נישט, ער דארף חתונה מאכן קינדער, און עס איז נישט געבליבן אזוי סאך, קריגט מען זיך. דער חידוש איז, אז מענטשן וואס זענען מיליאנער'ן, גרויסע עשירים, קינדער וואס זענען עשירים, זיי האבן גענוג צו לעבן פאר זיך מיט זייערע קינדער מיט די אייניקלעך אלע זייערע יארן. און ער קריגט זיך אויף נאך א פאר מיליאן דאלער, פאר ווען עס זאל געהערן, צו פאר אים צו פארן ברודער. נישט ער וועט עסן דערפון, און נישט דער ברודער וועט עסן דערפון, עס וועט ליגן אין דער באנק, צו עס וועט ליגן אין די הייזער, ערגעץ וועט עס ליגן, און זיי וועלן נישט נהנה זיין קיינמאל אין זייער לעבן פון דעם געלט. נו, וואס קריגסטו זיך, וואס שלאגסטו זיך ארום? עס איז א עקסטערע ברכה, וואס ער האט מתפלל געווען, יהא שלום במנוחתי.**

*

*__ערב שבת קודש פרשת בחוקותי__*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור משה נ"ו בן הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

*__שבת קודש פרשת בחוקותי__*

**השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות**

אנשי שלומינו תושבי עיר מאנסי ולעיקוואד ושאר ערי הפרזות, זכו להתאחד בשבת אחים גם יחד, בשבת התוועדות מיוחדת במינה, בצילא דמהימנותא של **כ"ק**

**מרן אדמו"ר שליט"א** אשר בא במיוחד לשבות את שבתו בקרב תלמידיו וחסידיו, להשקותם ולהדריכם מהבאר הגדול אשר ממנו ישקו העדרים.

השבת נערכה במלון 'וועסטמינסטע"ר בליווינגסטאן ניו דזשערזי, שהוכנה בהוד והדר לקראת השבת המרומם, ונתמלא חיש מהר עם ציבור גדול חסידים ואנשי מעשה, זקנים עם נערים, ובחורי חמד, שנקבצו ובאו לקבל שפע קודש, לקח חיזוק והדרכה, אשר זכרם לא ימוש מאתם.

רישומי אורה של אלו השעות של התרוממות הנפש, רגשי אהבה וגעגועין דקדושה, חיזוק ועידוד חברים להתעלות בדרכי החיים, דברי חיזוק והדרכה בחיי יום יום בהנהגת הבית, חינוך הבנים, אהבת חברים, נסיונות הזמן ועוד רבות, חותמם הטוב לא במהרה ינתק מקרב המשתתפים.

כחצי שעה לפני זמן הדלקת הנרות התאספו בחורי אנ"ש שיחי' בסדר הלימוד כהכנה לקראת השבת הגדול והקדוש. בסיום הסדר נשא דברים **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק' במעלת אסיפת חברים גם יחד, וגדול מרובין העושים את התורה.

לעת ערב לפי כניסת השבת הדליק **רבינו שליט"א** נרות שבת בברכה בהיכל הסעודות, והופיע במלא הודו והדרו בהיכל הבית המדרש, וירד לפני התיבה לתפלת מנחה. – אחר תפלת מנחה השמיע **הרה"ג רבי צבי אלימלך דייטש שליט"א** דברי פתיחה לכבוד השבת הנעלה, והביע גודל השתוקקות קהל אנ"ש למיהוי קמי מלכא, וליהנות מאור הבהיר בכל עת ועונה, וגודל הזכיה לעת כזאת אשר מלך בשדה להתוועד יחד עם קהל עדת מרעיתו.

בתפלת קבלת שבת כיבד את ה' מגרונו הר"ר **אליעזר זוסיא קיש הי"ו**. אחר תפלת ערבית השמיע **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשינו תפארת יהושע דבר הילכתא בקצרה בדיני 'שילוח הקן' השכיחים בחדשים אלו. – לאחר מכן עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** להתברך בברכת 'גוט שבת'.

סעודת חקל תפוחין קדישין נערכה ברוב פאר והדר, כשבראש המסובין יושב הרועה הנאמן **רבינו שליט"א**. ומה טוב ונעים גורל אנ"ש לשמוע קולו הזך של **רבינו שליט"א** באמירת שלום עליכם ושאר הזמירות, ובקידוש היום בקול חוצב, ובדברות קדשו בענין עבודת ה' מאהבה ויראה, למשמע אוזן תאבה נפשינו.

במשך הסעודה נשמעו דברים מיוחדים מאת הרב **אליעזר פליישמאן** שליט"א (סגן מנהל הת"ת בב"פ), ומאת ה'אורח הכבוד' פה מפיק מרגליות **הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א**, אשר הרתיק את לב השומעים בדברותיו היקרים והנעימים בתועלת השבת ותוצאותיה.

בסיום הסעודה זימרו ניגוני ה'באטע', וניגוני שמחה לרגל שמחת השלום זכר של נכד **רבינו שליט"א**, בן הנולד לחתנו **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'. ועד קרוב לשעה שתים בחשכת לילה, האיר אור השבת בלבות אנשי שלומינו, טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון.

בצפרא דשבתא התקיים שיעור בהלכה ע"י **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** רב דקהל שערי איש בלעיקוואד, ודומ"ץ בקהלתינו הק' בוומסב"ג. וגם שיעור במסגרת '**ובהם נהגה**' ע"י הרב **יוסף שטערן** שליט"א (ראש כולל ערב 'ובהם נהגה' בלעיקוואד).

אחר כך התקיימו התפילות בהתרוממות הנפש. לפסוקי דזמרה עבר לפני התיבה הר"ר **מנחם מארקאוויטש** הי"ו, ובתפלת שחרית הנעים הרב **יוסף יהושע פליישמאן** שליט"א ר"מ בישיבתנו הק'.

העליות נמכרו בסכומים הגונים לכלכל הוצאות השבת, ונדיבי אנ"ש נדבו סכומים אדירים עבור מוסדותינו הק' והרחבת גבולי הקדושה במאנסי ובלעיקוואד. בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הרב **יוסף שטערן** שליט"א. - **רבינו שליט"א** בירך ברכת החודש בהתעוררות עצומה, בתפלת מוסף עבר לפני התיבה **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק'.

בסעודת עתיקא קדישא אחר שזימרו שירות ותשבחות לא-ל חי, נאם הרב **אליעזר פליישמאן** שליט"א בגודל הזכיה להיות דבוק באילנא דחיי, וההשפעה העצומה שאנו מקבלים בתמידות בעת **שרבינו שליט"א** מאיר מהוד זיוו עלינו ועל דורותינו.

הס הושלך בהיכל, עת עמד **רבינו שליט"א** והשמיע מדברות קדשו דברי הדרכה לדעת את הדרך ילכו בה

ואת המעשה אשר יעשון, והרחיב הדברים בענין אחדות חברים המסייע להתעלות בעבודת ה' ולעמוד בנסיונות הזמן ועוד (נדפס בגליון 'דברי תורה').

לפני תפלת מנחה התקיים שיעור מיוחד מלא טעם בפרקי אבות ע"י האורח הדגול **הרה"ג רבי מרדכי שיף שליט"א**. – ובשיעור פרקי אבות לבחורי אנ"ש נשא דברים **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ דקהלתנו בב"פ.

סעודה שלישית נערכה בהתעוררות רב, לאחר הזמירות השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו למשך שעה ארוכה בחשיבות וחביבות מעשה המצוות למעלה במרומים, שעומדת לפני ה' לנצח נצחים, להשפיע טוב וחסד לעושיה. גם בדבר התבוננות האדם בכל פעולותיו להבחין אם כוונתו לשמים (הדברות קודש נדפסו בגליון 'דברי תורה'). אחר הדברי תורה המשיכו כל הקהל בניגוני קודש והתעוררות.

**רבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת ערבית לקראת ההילולא של אביו **כ"ק הגה"צ אבדק"ק סאמבאטהעלי זצ"ל** שחל בערב שבועות.

אחר תפלת מעריב והבדלה עברו כל קהל אנ"ש לפני **רבינו שליט"א** לקבל ברכת כהן גדול בצאתו מן הקודש. כאשר לבם מלא רגשות שבח ותהלה לה', ושפתותיהם מרחשין בתפלה שעוד רבות בשנים נזכה להידבק באור החיים ולשאוב מלא חפניים תורה ויראת שמים והדרכה טהורה, עדי נזכה שיוליכנו לקראת משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

***מתוך הדברות קודש:***

**די** גמרא (ברכות ה.) זאגט, לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, א מענטש דארף שטענדיג זעהן מגביר צו זיין דעם יצר טוב אויפן יצר הרע. און די גמרא זאגט, אויב עס גייט נישט, זאל ער לערנען תורה. ער זאל ליינען קריאת שמע, ואם לאו, יזכיר לו יום המיתה. אז עס גייט נישט קיין שום זאך, דערמאן דיך יום המיתה, דאס וועט דיר געבן דעם כח, אז דו זאלסט דיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע. עברי מיט טייטש, א מענטש דארף געדענקען, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, ווי די משנה (אבות ג-א) זאגט, לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דאס וועט אים אפשר צוריקהאלטן ער זאל נישט זינדיגן.

**און** א מענטש דארף געדענקען, יזכיר לו יום המיתה, אז אלעס וואס ער האט אויף די וועלט, לאזט ער אלעס איבער דא, ער נעמט זיך גארנישט מיט. אין מלוין לו לאדם, לא כסף, ולא זהב, ולא אבנים טובים ומרגליות, נאר תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט), יעדע גוטע זאך וואס דו האסט געטון, דאס באגלייט דיך. צדק לפניו יהלך (תהלים פה-יד), ערליכע יודישע דורות, קינדער וואס מען לאזט איבער, אנגעפולט מיט תורה ויראת שמים, דאס איז די זאך וואס וועט דיך באגלייטן אויף יענע וועלט, אויסער דעם ווערסטו אלעס איבערלאזן דא. ווען דער מענטש דערמאנט זיך דאס, אז די וועלט איז נאר א פרוזדור לפני טרקלין, עס איז נאר א דורכגאנג, און מען דארף אנקומען אינעם טרקלין, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), דורכדעם וואס ער ווייסט יזכיר לו יום המיתה, וועט ער זיך האלטן צו תורה.

**עס** איז מיר אויסגעקומען די וואך, איך האב געזעהן א מעשה אין א ספר, און עס האט מיר געגעבן אן אנדערער דערהער אין דעם יזכיר לו יום המיתה. איך האב געזעהן אין ספר **גאון ישראל**, תולדות פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, ברענגט ער צו דארט, אז דער רבי שלמה זלמן האט געהאט א נאנטן קרוב אין ארץ ישראל, וואס מען האט אים אריינגעוועלט אין כנסת, ער זאל אויפטון דארטן וואס מען קען פאר יודישקייט. און די גוטע פריינד פון דעם יוד, האבן אים גערופן זאגן מזל טוב, ער האט באקומען אזא פאסטן, ער קען פארטרעטן און אויפטון. רבי שלמה זלמן איז אים געווען א קרוב, און ער האט געוואַרט צו באקומען א טעלעפאן פון רבי שלמה זלמן דערויף, און ער האט אים נישט גערופן. שפעטער האט ער זיך געטראפן מיט רבי שלמה זלמן, און ער האט אים פארגעהאלטן, אז יעדער האט מיך גערופן באגריסען צו דעם פאסטן וואס איך האב באקומען, און פונעם רב האב איך נישט באקומען קיין שום באגריסונג.

**האט** אים רבי שלמה זלמן געזאגט, איך וויל דיר עפעס זאגן. זאגט ער, ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, וויל ער עס זאל בלייבן פון אים א זכרון, און א גוטער זכרון. ער וויל אזוי, און זיינע קינדער ווילן אזוי, אז פונעם טאטען זאל בלייבן א זכרון אויף די וועלט, וואס ער האט אלץ אויפגעטון אויף דעם

עולם. ווי אזוי ער האט זיך געפירט, ערליך און באשיידן. און בדרך כלל שרייבט מען דאס אראפ, אויף די מצבה פונעם מענטש ווערט ארויפגעשריבן אלע זיינע דברים טובים, נקודות פון גוטסקייט, וואס דער מענטש האט פארמאגט. דאס איז זיין לעצטע שריפט וואס איז דא פון די באשרייבונג פונעם מענטש. [פון דעם אליין קען מען זעהן ווי הבלי עולם הזה איז גארנישט. עס ווערט נישט ארויפגעשריבן אויף קיין שום מצבה וויפיל געלט ער האט געהאט, און וויפיל בילדינג"ס דער מענטש האט געהאט, און וויפיל קארס ער האט געהאט, די אלע זאכן איז נישט קיין נפקא מינה. מען הייבט אן צו זוכן פון אונטער די ערד, וואס ער האט געטון אמאל פאר תורה, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, וואס זענען געווען זיינע מדות, וואס האט ער געטון עסקנות, ארויסצוהעלפן פאר מוסדות התורה, דארט נעמט מען ארויס אלע זיינע גוטע זאכן וואס ער האט. דאס איז דער ציל, און דער תכלית צו וואס דער מענטש קומט צו].

**זאגט** אים רבי שלמה זלמן, איך פארשטיי אז דו האסט אסאך גוטע זאכן אין דיין לעבן וואס דו האסט געטון, וואס דו וואלסט געוואלט אז מען זאל שרייבן אויף דיין מצבה. איך וואלט נאר געוואלט וויסן, צו דו וואלסט הנאה געהאט, ווען אויף דיין מצבה זאל שטיין, אז דו ביסט געווען א חבר פונעם כנסת המינים. צו דו ווילסט אז דער טיטול זאל זיין אויף דיין מצבה. זאגט ער, ניין. אויף די מצבה וואלט ער נישט געוואלט אז מען זאל עס שרייבן. זאגט אים רבי שלמה זלמן, **אויף א זאך וואס מען וויל נישט שרייבן אויף די מצבה, זאג איך נישט קיין מזל טוב!** מזל טוב זאג איך אויף א זאך וואס א מענטש וויל ערליך, און עס גייט בלייבן דערפון עפעס, דאס באגריס איך. אבער א זאך וואס דו אליין ביסט נישט מחשיב, און נישט נאר דו ביסט נישט מחשיב, נאר דו וואלסט נישט געוואלט אז עס זאל זיין געשריבן אויף דיר, אז דאס איז דער זכרון וואס בלייבט איבער פון דיר אויף דורות, פאר דעם טוה איך דיך נישט באגריסן.

**איך** האב געטראכט, דאס איז דער יזכיר לו יום המיתה. **וויפיל זאכן איז דא וואס א מענטש טוט אין זיין לעבן, און ער רעדט זיך איין בשעת ער טוט עס, אז ער טוט לשם שמים! פאר לשם שמים מעג מען מבזה זיין יענעם, פאר לשם שמים מעג מען שלאגן יענעם, פאר לשם שמים איז אלעס מותר. און אסאך מאל רעדט ער זיך טאקע איין, אז עס איז לשם שמים. אבער ווען מען זאל אים פרעגן, דו וואלסט געוואלט אז דאס זאל שטיין אויף דיין מצבה, אז דו האסט מבזה געווען מענטשן, דו האסט געשלאגן מענטשן לשם שמים וכדומה? - איך געב עס נאר פאר א משל - וועט ער זאגן, ניין! שרייב מיר אנדערע מצות אויף מיין מצבה, דאס זאלסטו נישט דערמאנען.**

**א מענטש דרייט זיך ארום, ער קען טון דברים טובים מיט די סמארטפאו"ן וכדומה, ער קען טון אסאך גוטע זאכן דערמיט. אויב מען זאל אים פרעגן, דו וואלסט געוואלט אז עס זאל שטיין אויף דיין מצבה, אז דו מיט דיין סמארטפאון האסטו אויפגעטון אזויפיל און אזופיל? ניין, רעד נישט פון דעם, דאס זאלסטו נישט שרייבן דארט. שרייב איך בין געזעסן אין בית המדרש, וואס איך האב געלערנט, וואס איך האב געדינט דעם אייבערשטען.**

**ווען** א מענטש האט דעם יצר טוב מיטן יצר הרע, און ער דארף מגביר זיין דעם יצר טוב אויפן יצר הרע, יזכיר לו יום המיתה, געדענק צו דו וואלסט געוואלט די זאך וואס דו גייסט יעצט טון, אז דאס זאל שטיין אויף דיין מצבה. אויב דו ווילסט אז דאס זאל שטיין אויף דיין מצבה, זאלסטו עס טון, אבער טאמער דאס איז נישט קיין טיטול וואס דו וואלסט ווען געוואלט, אז מען זאל געדענקן פון דיר לעולם ועד, אז דו האסט אזא זאך געטון, האלט דיך צוריק און טו עס נישט.

**ווען** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, און ער האט זיך אומגעקוקט אז עס וועט דאך זיין שווערע נסיונות צו גיין אין דרכי התורה, א מענטש וועט האבן שווערע זמנים אינעם לעבן, דער יצר הרע איז דאך א אש הגדולה, וואס איז בוער עד לב השמים, דער יצר הרע פארלייגט זיך אויפן מענטש. האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן, איך געב דיר א וועג ווי אזוי דו זאלסט זיך קענען האלטן צו די תורה. עס איז נפשי יצאה בדברו, עטץ זאלטס זיך דערמאנען דעם יום המיתה. זיך דערמאנען אז מען לאזט אלעס איבער דא. ווען דו וועסט דאס געדענקען, וועסטו האלטן שמירת התורה. דו וועסט

קענען מקיים זיין יעדן דיבור פונעם אייבערשטען. דעם לא תגנוב, און אלעס וואס עס שטייט דארט, ווען דו וועסט וויסן אז די וועלט איז פארגענגליך, און דו וועסט נישט וועלן אז דאס זאל בלייבן פון דיר א זכרון אויף שטענדיג, דו וועסט עס וועלן באהאלטן. א זאך וואס דו ווילסט באהאלטן, דאס הייב נישט אן צו טון. דאס איז דער יזכיר לו יום המיתה.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, כפה עליהם הר כגיגית. ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, איז ער דאך אויך אזוי, אונטער די ערד. און דאס זאל ער זיך דערמאנען. אז דו וועסט גדענקען דעם כפה עליהם הר כגיגית, אז מען לאזט אלעס איבער, און עס בלייבט גארנישט, נאר מצות ומעשים טובים וואס מען האט געטון, דאס וועט דיר געבן די כוחות הנפש, אז דו זאלסט קענען דינען דעם אייבערשטען.

**מען** האלט פאר קבלת התורה, אלע גרייטן מיר זיך צו דערצו, צו קענען מקבל זיין די תורה. גדענקען די חשיבות פון תורה, גדענקען יעדע מצוה וואס מען טוט, ווי חשוב עס איז אינעם אייבערשטענ׳ס אויגן, יעדע דבר טוב וואס דו האסט געטון איז א נצחי, עס איז נישט קיין זאך וואס מען האט עס נאר געטון אויף די מינוט, דער מענטש אליין כאפט זיך נישט, אז ער מיינט וואס ער האט היינט געלערנט עס איז דערנאך. דאס בלייבט פאר דיר אוועקגעלייגט לנצח נצחים. דעם נחת רוח וואס דער אייבערשטער האט געהאט פונעם היינטיגן שבת, דאס קען פאררעכנט ווערן פאר דיר לעולמי עד, אז ווען דער אייבערשטער וועט עס אנקוקן, ווער האט מיר געברענגט דעם נחת רוח? דער און דער יוד, און עס קומט זיך, איך זאל אים עפעס באצאלן דערפאר. ווייל א נחת רוח וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען, איז א נצחי וואס בלייבט אויף שטענדיג.

**געדענקען** פון מתן תורה, וואס איז נפשי יצאה בדברו, אפילו עס איז שווער, אפילו דער דיבור פונעם אייבערשטען איז אסאך מאל א צער של מיתה. מען שטארבט נישט, דער אייבערשטער גיט א טל של תחיה, און מען הייבט אן א פריש לעבן, א פרישע תחיה וואס דער אייבערשטער גיט אריין צו קבלת התורה. ווען א מענטש איז מקבל די תורה אויף דעם וועג, וויסן אז די גאנצע לעבן איז זיך אוועקצוגעבן פארן אייבערשטען, און איך לעב נאר אויף די וועלט כדי צו טון א נחת רוח פארן באשעפער, איך בין שולדיג פארן אייבערשטען א הכרת הטוב, אויף יעדן דבר טוב וואס דער אייבערשטער האט מיר געטון. און עס אינטערסירט מיך נישט קיין עולם הזה, עס אינטערעסירט מיך נישט קיין עולם הבא, נאר צו טון א נחת רוח פארן באשעפער, דאס טוט באגלייטן דעם מענטש אויף שטענדיג, און דאס בלייבט איבער פון אים א זכר נצחי.

**מען** גרייט זיך צו, צו קבלת התורה, מען האט שוין די וואך געבענטשט ראש חודש, ביום הזה באו מדבר סיני ווי רש״י זאגט, די הקדמה צו קבלת התורה איז געווען מיט תשובה. די נסיעה פון רפידים איז געווען בתשובה, און ביאתם להר סיני איז געווען בתשובה. תשובה איז נישט קיין גרויסע זאכן, פשוט זיך איבערטראכטן די מעשים וואס מען האט געטון, איבערטראכטן וואו בין איך געגאנגען ראנ״ג, ווי בין איך אוועקגעגאנגען פון מיינע שיינע יארן וואס איך האב געהאט ווען איך בין געזעסן אין בית המדרש. פארוואס האבן מיך אנגערייצט די הבלי עולם הזה, די בקעה של זהב האט מיך אנגערייצט, אוועקצוגיין פון דרכי התורה. זיך צוריק נעמען, מחזק זיין, תתחדש כנשר נעוריכי, צוריקגיין צו די יונגע יארן, וואס אלע זענען געזעסן און געלערנט, און גדענקט דעם אייבערשטען, דאס צוריק מחדש זיין, און מקבל זיין אויף זיך פון ניי אויס א עול תורה.